די יידישע צייטונג „לעצטע נייעס" געהערט היינט צו מפא"י. די ריגירונגס־פּאַרטיי האָט אפּגעקויפט די צייטונג פון בונדישן רעדאַקטאָר. דער רעדאַקטאָר וואָס שיינט שוין צו זיין ציניש צו אַלץ און אלעמען; א ביסעלע יידיש, אבער, פאַרטיידיקט ער נאָך.

די מפ"ם פּאַרטיי גיט אַרויס א וואָכנצייטונג „ישראל שטימע" אין יידיש. זיי ווייסן אז פיל פון זייערע נייגעקומענע חברים קענען נישט גענוג עברית. זיי, ווי די מפא"י, ווילן אויפהאַלטן יידיש בלויז אויף דערווייל", כדי צו באַדינען די מאַסן. אזוי אויך „די וואָכנצייטונג" פון אחדות־עבודה אין די אַנדערע וואָכנצייטונגען, וועלכע האָבן צו עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן. אויסער די „לעצטע נייעס", וועלכע האַלט עטלעכע שטענדיק מיטאַרבעטער", שרייבן די אַלע יידיש־שרייבער אין די וואָכנבלעטער אומזיסט. אויב עס פעלט אויס שרייבעריי, נעמט מען פון יידישע צייטונגען און אויסלאַנד . . .

„גאָלדענע־קייט" אָדער „צויקונפט", נישט אפילו אַ „טאָג", אדער „פאָרווערטס" צו זען ביי די קיאָסקן, אדער אין געשעפטן. די רעגירונג גיט נישט קיין דערלויבעניש פאַך יידישע ביכער פון אויסלאַנד און נישט פאַך צייטונגען. יידישע ביכער־געשעפטן ווילן בכלל נישט אַרויסשטעלן א יידישן זשורנאל; אפילו דער זשורנאל פון רוסלאנד „היימלאַנד" ליגט אויך ערגץ פאַרבאַהאַלטן. עס קאָן שאַטן צום געשעפט . . .

דער זשורנאל „היימיש" פלעגט אויך נישט זיין צום פאַרקויף אין ארץ־ישראל. איצט אז דער פלינקער אַרבעטסזאַמער משה גראָסמאַן איז אָפּגעשטאָרבן, באַמיט זיך די פרוי אַרויסצוקערן א גראָסמאַן־נומער, אבער ווער עס זאָל איבערנעמען די ארבעט פון פאַרבינדן די יידישע שרייבער אין חוץ־לארץ, אויסרופן נעמען, און דרוקן שוואַרץ און ווייס וועגן א בוך — אזא שרייבער איז אין ארץ־ישראל מער נישטאָ.

דער פאַריין פון העברעאישע צייטונגס־מענטשן איז טאַקע רייך און שיין אויסגעשטאַט. דער פאַריין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן איז און א קעלער. (אין אמעריקע איז אַזעלכעס אויך נישטאָ . . .). די יידישע שרייבער זיינען מקנא איינעם וואָס האָט פּריווילעגיעס ביי אַ פּראַנצויזישן פארלאג, און א צווייטן וואָס פארט ארום איבער אויסטראַליע; אליין איז מען דעשלאָגן און מען פילט, אז די רעגירונג און די העברעאישע שרייבער־וועלט קוקט אויף זיי ווי אויף צווייט־קלאַסיקע בירגער, וועלכע מ׳טאָר נישט צופיל לאָזן אויפהייבן דעם קאָפּ . . .

אין דאָך, מען פילט אז יידיש איז אַ געוואַלטיקער כוח אין ארץ־ישראל. יידיש וועט דאָ בלייבן אַ גערעדט שפּראַך ביי אַלע יידן פון איראָפּע. אַפילו תימנער און מאַראָקאַנער, וועלן קענען צוביסלעך יידיש.

סיידן, אויב די אינטעליגענץ וועט בכלל נעמען ריידן ענגליש. פיל יוגנטלעכע נעמען בכלל אויף אַלץ וואָס עס איז ביליק און קומט פון אַמעריקע . . .

---

צום 12־טן געבורטסטאג ווינשן מיר די בת־מצוה **מרים רבקה**, די טאכטער פון אונדזער פריינד דעם פּאדאגאג און שרייבער **בן צבי בערנשטיין** אונד מרס. **דבורה בערנשטיין** א סאך נחת און פרייד.

פריינט פון יידיש לשון



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 364) דריי און צוואַנציקסטער יאָר פעברואַר 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

פורים־רבדיק אָדער וויי־אָדערדיק . . . „עד דלא ידע" 1962 ........ ** 1
נאָטיצן פון אַ לייענער ........ מ. אלמאַן 4
אין שפּיטאָל, רויטע פּיאָלקעס (לידער) ........ יעקב זאָנשיין 5
אן אויסגעלאָשענער חלום ........ יהודה ביעטש 6
ביאַלע („ברוך סראַלע מוליאַס") ........ משה בעקערמאַן 10
אברהם רייזין (פּאָעמע) ........ יוסף לעפּטוויטש 13
געדאַנקען (ליד) ........ עלי זילבערג 14
דער סאָסנאָווער וואַלד (פּראָזע) ווינטער־וואַריאַצעס (פּאָעזיע) ........ א. נ. שטענצל 15
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע ........ יעקב ריכטיגער 35
מאָנדראַט (סקיצע) ........ בן־צבי בערנשטיין 39
י. י. טרונק ע.ה. ........ ש. 41
יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........

פריינט פון יידיש לשון

## גראנדיעזער פורים באל

המן־טאַשן און טאַנץ

אין אדלער האָל, אַדלער סטר. א.1.

זונטיק, דעם 18׳טן מערץ, 7.30

**פרייז 2 שילינג**

**אַבאָנאַמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר**

**אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—**

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## פריינט פון יידיש לשון

מאריס-ראזענפעלד 100 יאר פייערונג אין בן־אורי

זונטיק, דעם 25׳סטן פעברואר, 8 אזייגער

בערנער סטר. 14. אין דער וועסט ענד

---

יידישער וועלט־קאנגרעס (קולטור סעקציע) און יידישער זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין

איינלאדונג צו אונדזער

## לעבעדיקע צייטונג

וואס וועט פארקומען

"ZION HOUSE", 57 ETON AVENUE, N.W.3

**זונטיק** דעם 25־טן פעברואר, 1962, פונקט 3 א זייגער

אין „**ציון הויז**", 57 איטאן אוועניו, נ.וו.3.

אונטער דער רעדאקציע פון **א. מ. קייזער**

1. לייט־ארטיקל : מאריס ראזענפעלד — צום 100־יעריקן געבוירניאר ............ **דער רעדאקטאר**
2. איציק מאנגער — צום 60־טן געבוירנטאג ............ **ש. גאלדשמידט**
3. א. נ. שטענצל — צום 65־טן געבוירנטאג ............ **ש. י. הארנדארף**
4. 60־יאר קרן קימת לישראל ............ **יוסף פרענקעל**

**יודל גאלדבערג** וועט רעציטירן לידער פון ראזענפעלד, מאנגער און שטענצל

איינטריט פריי ! !　　　　　קומט אין צייט ! :

---

## דער פרעזידענט פון סקערניוויצער און ראווער הילפס פאראיין שלמה לעמעל, א בן שמונים

אונזער הארציקסטע באגריסונג דעם געזעלשאפטלעכן טוער, **שלמה לעמל** לכבוד זיין אכציקס׳טן געבורטסטאג.

מיר ווינטשן אייך מיט אייער ליבע פרוי גוטע יארן פון געזונט, אין א וועלט פון שלום און פריינטשאפט פאר אונזער פאלק איבער דער וועלט.

אויך מיר באַגריסן דעם בעל יובל — „**פריינט פון יידיש לשון**"

---

**סאלאמאן פעלמאן**, וועלכע האָט זיך צוריק געקערט פון זיין נסיעה פון ישראל, דאַנקט די שוועסטערן און די דאָקטורים פון „ביילינסאָן בית־החולים אין ירושלים, וו ער האָט זיך געפונען אייניגע טעג.

**נייטן ראבינאוויטש** דאַנקט אַלע פריינט וואָס האבן אים געווונשן א רפואה שלימה.

---

א רפואה שלימה צו ראַביי, הרב דר. **יעקב קאפל ראזען** שליט״א.

„פריינט פון יידיש לשון"

---

די קולטור־ידיעות פון דעם חודש אין קומענדיקן נומער.—ד.ר.

---


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 364)　　דריי און צוואַנציקסטער יאָר　　פעברואַר 1962 לאָנדאָן


## פורים-רבדיק, אדער וויי-אדערדיק . . .

„ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה" — מגילת אסתר ג.ב.

חסידיש־נגידיש און געפוצטע שטיוול און די גאָלדענע קייט איבער דער בריט פונם צעכוואַליעטן האַרץ, און אז מ׳האט געכאַפּט די פיש פאַרן טייך איז עס געווען אַ קאַרפּן קאָפּ, אַ שופן־צעגלאַנצטער לעשטש, אַ העכט ווי דער לויתן די גרויס און רענדלעך האָבן געשווומען אין דער גאָלדענער יויך. געווען אַמאָל אַ סמבטיון מיט וואַרפנדיקע שטיינער, פון איין זייט רויטע יידעלעך, זשוואַוועדיק־וואָכעדיקע, מאָנטיקדיקע, און פון דער אַנדערער זייט, שבת־יום־טובדיקע — מנוחה ושמחה.

היינט איין גרויסע זשאַווער־קייט סאַרפּעט די אַסימילאַציע פון איין עק וועלטל אונזערס ביז צום אַנדערן. אַ פאַרוואַסערטע לאָקשן זופּ אונזער גאַנץ יידישקייט, און כאַפּט מען שוין אַ פלאָטקעלע איינצוהאַקן געפולטע פיש איז אַ גאַנצע יומא־דפגרא ; אויפפליענדיקע קאַטקעס אין שטורעם אַרום אַ גלעזל מים־אחרונים — ס׳איז „ליהודים".

דער טאַראַראַם אַרום „דשואיש־קאָלעדז", דער ראַביי און רעווערענד־„צוכט", וווּ יידיש איז טריף־חזיר, ווו דער היימישער גמרא־ניגון, דעם בערדיטשעווערס און קאַליווערס פאָלקס מעלאָדיעס ווערן נישט געהערט—באמת אַ בחורל פון דער מתובתא איז מער בר־סמכא פון אַזאַ באַסמיכה׳טן ראַביי ; האָט דאָך אין דער היים אַ שיקסע ביים רב געקענט פסקענען שאלות, הערנדיק בלויז דעם ניגון . . . די ליטורגיע פון די רעווערענדס וועט פון דער ליטאַרגיע נישט אויפוועקן — אפילו נישט דער קאָכלעפל־צעפויקטער טאַראַראַם !

דער געשיכטע שרייבער פונם ענגלישן יודנטום זיך צוריקקערנדיק פון אַ נסיעה איבער דער וועלט, זאָל האָבן עפנטלעך דערקלערט, אז אין קיין שום מדינה האָט ער נישט געפונען אַזאַ נידריקן קולטור־מצב ווי אין אונזער ישוב. מיר האָבן עס אים שוין צוגערופן מיט 10 יאָר צוריק, ווען ער האָט מיט אַ ציניזם טאָן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג דערקלערט, אז ער קאָן נישט קיין יידיש : „א געשיכטע שרייבער ביי אַן אַנדער פאָלק וואָלט נישט געהאַט די קאָקעטישע חוצפה אַזוינס עפענטלעך צו זאָגן, ער וואָלט זיך לכל־הפחות געשעמט פאַר זיין אייגענער איגנאָראַנץ.

די טומלדיקע „וועלט קאָנגרעס"־מאַסן־פאַרזאַמלונג דעמלט איז געווען, כדי צו איבערצייגן, אז ס׳יידישע פאָלק קאָן זיך גאַנץ פיין באַגיין אָן יידישן : מילא איר זעט דאָך . . . איבער די לעצטע 100 יידיש מאַסן־לעבן אין ענגלאַנד אפילו, קאָן מען שרייבן נישט צו קענען קיין יידיש, מ׳ברויך נאָך צו זיין אינטעליגענטיש גענוג דערצו . . .

היינט, אזוי הייסט עס אָפיציעל, האָט די דערמאַנטע אינסטיטוציע אַ „ליבעראַלערע" באַציאונג צו דער גלות־שפּראַך . . . אבער מ׳וועט אונז מוחל זיין אַז קיין צו גרויסן פאַרטרויען צו דער נייער „ליניע" האָבן מיר נאָך אַלץ נישט, נאָך זייער אויסשטעלונג איצט אין ירושלים, 300 יאָר ענגליש יודטום, אָן א סימן אפילו פון יידיש . . . דאָס איז שוין, נישט נאָר העלפן שאַפן דעם טויטן קולטור־מצב אין היגן ישוב, נאר שוין אויפשטעלן די מירמלשטיינערנע מצבה, מיט גילדענע אותיות, אויפן הייליקן אָרט — אין סאַמע ירושלים.

צו קענען פירן א צוויי פראַגטיקע פּאָליטיק, צו קענען זיין ישראל־פּאַטריאָטיש און אַסימילאַטאָריש־תפצהדיק, דאַרף מען לגמרי נישט צו זיין צווייטייטיק, שווערער נעבעך איז מיט דער טאָפּלטער לאָיאַליטעט, נאָר דאָס וועלן מיר שוין איבערלאָזן אויף די צווייטע טעג פורים, מיר האָבן דאָך הייאָר אַ טאָפּלטן אדר, און מיר וועלן ענדיקן בכי טוב —

מ׳רייסט אויף וואַסער־באָמבעס, מ׳פליט צו דער לבנה, און אונזער זיבנטע מלוכה האָט געקראָגן אַדירעקטע פאַרבונדונג מיטן קאָסמאָנאוט, אהרן ווערגעליס. (דזשואיש־קראָניקל, 62.1.26) אז קרעפּלעך זאָלן מיר עסן: ווי אַ פּאָעט, ווי אַ רעדאַקטאָר פון א ליטעראַרישן־זשורנאל האָט ווערגעליס נישט דווקא זיך געמוזט סאָלידאַריזירן מיטן „ארטיקל שרייבער פונם „טרוד". ער האָט געקענט אויפהענגען „זשענטלמעניש" דעם טעלעפאָן: איך האָבן נישט קיין שייכות מיט פּאָליטישע ענינים! און אפשר, אונטער דער אייזערנער־פּאַרהאַנג, צו קענען שפילן אַ טאָפּלטע לאָיאַליטעט, אי פון אַן אויסגעהאַלטענעם קאָמוניסט און אי פון א יידישן מאַרטירער, צו אַזאַ קאָסמאָפּאָליטישע טאָפּל־ראָלע מוז מען שוין זיין אזוי געניאַל ווי מיכאָעלס —

אזוי צי אזוי! אָבער אז: „דערפון איז געדונגען בלויז איינס: אז ווערגעליס, וועלכער האָט זיך אין מונדיר פון נ.ק.וו.ד. אדורכגעגליטשט פון עפּאָכע נומער איינס צו דער עפּאָכע נומער צוויי, גרייט זיך ווידעראַמאָל צו א יודאַש־אַליבי פאַר אַן עווענטועלער עפּאָכע נומער דריי". („אונזער שטימע" פּאַריז 1962.2.2) ניין אז דער אומשולדיקער טעלעפאָן־געשפּרעך מיט „סאָוויעטיש־היימלאַנד" וועט אַרויסרופן אַזאַ „עפּאָכע" מאַכנדיקע סענסאַציע, דאָס האָט דער געניטער רעדאַקטאָר פון „זשואיש־קראָניקל", מיט זיין גאַנצער דערפאַרונג, זיכער נישט געקענט אַרויסדרינגען.

„הרצים יצאו דחופים", די צעקאַטשעטע, קאַטשקע־צעפּאָכעטע עפּאָכעמאַכעדיקע וועלט אַצינד, און ערשט און אונזער פּליטקע פּאָליטיש וועלטל — „והאחשתרנים"! אונטערן בעט וועט זי דיר אַרויסגעפונען אין אַ קוואָרט אַ קאָפּ נעגל־וואַסער, א גאַנצן מבול דערפון שוין צו מאַכן „עד־דלא־ידע".

„ומרדכי ידע מכל אשר „נעשה"! און ווי אַזוי איז עס געווען? „ומרדכי יושב בשער המלך"! און ווער איז ער געווען? ווי וואָלט איך מיך „שושנת־יעקבדיק צעזונגען: „כל החותים בך" באָך, באָך, באָך! און היברודיק יודאַאיסטיש (נישט, חלילה, יודאַשיסטיש!) מיך צעגראַמט:



„מום שבך",
„מה דסנוי לך, לחברך"

און צוזאַמגעשטעלט דעם אמתן „משלוח מנות איש לרעהו" — — איז אבער דער גאַנצער ענין לגמרי נישט אזוי פורים־שפּילעריש פריילעך! „קימו וקבלו היהודים": אונטערן אייזערנעם פאַרהאַנג, ווו רעליגיעזע געזעלשאַפטלעכקייט, נאַציאָנאַלע טעטיקייט איז ממש נישט שייך לעת עתה, ליגט דאָך דער גאַנצער אָפיציעלער יידישקייט־עול אויף די אינערלעכע אחריותן פון יידישע פּאָעטן און שרייבער, צו וועלכע כלי־קודש און פּאַרטיי־מנהיגים האָבן נישט דעם גרויסן פאַרטרויען — זיי ברויכן נישט צו באַנוצן די צווייפלהאַפטע, בעל־פה מויל־מאַלנדיקע ווערטער נ.ק.וו.ד.". מוסרים, עס גענוגט זיי דאָס שאַרפע וואָרט — יעווסעק! און ווי מיט אַ מוהל־מעסער איז זייער יידישקייט אָפּגעשניטן . . . עס גענוגט אונז אָבער נישט, נאָר בלויז ק״ק׳ס פון קברות און כשרות־קאָמיסיעס און קרן־קימת־פּושקעס, צי גאָר בלויז קאָמסאָמאָל־קונסט און קולטור יידיש־קרייזלעך און קאָמוניסטישע קלובן־קרעמלעך.

אונזערע הענט זיינען נישט אַטלעס און זיידן און הענטשיקעדיק בייגעוודיק גענוג דעם „כרפס ותכלת וארגמן דיפּלאָמאַטיש קאַלטן פאַרהאַנג אויסצוטאַפּן, ווו ס׳איז פּראָפּאַגאַנדע פון איין זייט און העץ פון דעם צווייטער זייט, אָבער גענוג אויף פאַרשעמט צו ווערן: א וועלט־מאַכט, א פּראָלעטאַרישע, דאַרף נאָך צו קאָמבינירן מיט יידן־שנאה און אַסימילאַציע־צוואַנג — „ופני המן חפו"...

איז אָבער פאַר אונז יידישע שעפערישקייט נישט נאָר „סטימול", און „סורוויוול", נאָר ממש די גייסטיקע און פיזישע עקסיסטענץ פון א פאָלק; זיינעם מיר דעפאַר זיכער אין דער ארבעט פון קאָלעגן, וועלכע זיינען אריינגעטון אין איר מיט זייער גאַנצער ענערגיע און מסירת־נפש — „חזקה על חבר שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן"! — און מיט זייערע דערפאַרונגען און יינגע שעפערישע כוחות, וואָס וועט וואַקסן מיט זייער ארבעט, וועלן זיי זיין דערוואַקסן יעדע סכנה.

## „על דלא ידע" . . . 1962

סטאַלינען פון מאַוזאָלעאום אַרויסגעוואָרפן,
פאַרוואָס אים נישט אַ המן שוין אויפגעהאַנגען?
מ׳שטיינס־געזאָגט דאָס אייכמאַנדל פון דער גלעזערנער שטייג,
צו ויזתא׳ס קנעכל עס וועט דאָך נישט דערלאַנגען.

אים, גענוג פאַרפאַקן אין אַ „דאַכאַו־קעסטעלע"
שלח־מנות אויף אַ טעלער צו זיין אלמנה אים שיקן,
און באַוויינענדיק אים, צעשפּיגלט אין אירע טרערן,
טויזנטער אַזעלכע קעסטעלעך פאַר אירע בליקן.

א המן מוז האָבן א פּנים, האָבן אַ פיגור,
און כ׳לעבן סטאַלין וואָלט געטון טון גוט פּאַסן:
שטעלט אייך אים נאָר פאַר, פאַר מרדכי הצדיקס פערדל,
„ככה יעשה לאיש!" שרייען אין תל־אביבער גאַסן.

א המן הרשע מוז מען אויך קענען בענטשן,
פאַרשכורטערהייט — אָבער דעם „ברוך" מען מוז זאָגן !
אין „עד־דלא־יעדע" מיט אַ סטאַלין־קאַריקאַטור —
מיט אַן אייכמאַנדל־קרעאַטור זיך גאָר אַרומטראָגן ?

„. . . וגם חרבונה זכור לטוב" : אויב חבר כרושטשאָוו,
אַ קרושעוואַן, אפשר אויך, בלויז אַ גוט פאַרשטעלטער,
מעג ער שוין אָנהויבן : „היינט איז פורים מאָרגן איז אויס —
אַ קאָזשאַטשאָק־טאַנץ א ביסל שווער אויף דער עלטער !

„חייב אדם לבסומא בפריא עד דלא ידע" — —
פעפער, אפנים נישט געווען קיין אַנדער עצה,
ווי זינגענדיק דיין לידל : „לחיים חבר סטאַלין",
טויט־שכור האָנט פאַרוואָרפן אויף מאַרקיש'ס פלייצע ?

## מ. אלמאן

## נאָטיצן פון א לייענער (פארדינט א לויב)

אויף דער לעצטער פּלענאַר זיצונג פון „באָארד אף דעפּוטיעס" (אין פּראָטאָקאָל איז אָנגעגעבן די דאטע) האט דער פּרעזידענט, סער בארנעט דזשאַנער, אין דערעפענונגס־ווארט, וואס ער האט געהאלטן אין דער יידישער שפּראך, פאַרגעשלאָגן :

1. איינצופירן יידיש אלס פארהאנדלונגס־שפּראך אויף די זיצונגען פון „באָארד".
2. די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען זאלן פארצייכנטערן אויף יידיש.
3. אלע אונטערפּעלאציעס זאלן געמאכט ווערן אין דער יידישער שפּראך.
4. דער „באָארד" זאל איבערנעמען די אויסהאלטונג פון „די אידישע שטימע" און „לשון און לעבן".
5. באאויפטראגן די מיטגלידער פון „באָארד", וועלכע זענען „גאָווערנערס" און די פארוואלטונגען פון די „דעי־סקולס" איינצופירן יידיש ווי א „סוב־דזשעקט" אין סקול־פּראָגראם.
6. צו עפענען א קורץ־טערמיניקן קורס פון יידיש פאר לערער, וועלכע דאַר־פן איבערנעמען דעם יידיש־„סובדזשעקט" אין די „דעי־סקולס".
7. ווענדן זיך צום „ציקאָ"־פארלאג אין ניו־יארק וועגן קאָמפּלעטירן די ביב־ליאטעקן, וואס באדינען אויך יידישע לייענער, מיט די נייעסטע אויס־גאבן אין דער יידישער שפּראך. („ציקא" פארטרעט אויך אנדערע יידישע פארלאגן).
8. באאיינפלוסן די יידישע שטודירנדע יוגנט איבערצונעמען די ביבליאטעק־קארן־אמטן אין יידישע געזעלשאפטלעכע ביבליאָטעקן, ווי למשל אין ביב־ליאטעק פון „ארבעטער־רינג", וואס ווערט באדינט פון קראנקע, אלטע לייט, נעבעך !
9. צו פארשפּרייטן אין ענגלאנד דעם ליטערארישן זשורנאל „די צוקונפט".



10. צושיקן א באגריסונג מיט א טשעק(?) צום 70 יאריקן יובל פון זשורנאל „די צוקונפט" אין ניו־יארק.

די דאזיקע „פארשלאגן האבן פריטשמעליט די אנוועזנדע מיטגלידער פון „באָארד" אזוי שטארק, אז זיי זענען געבליבן אָן לשון . . .

מ'האט אנגעהויבן נאכזוכן די סיבות וואס האבן ארויסגערופן אזא מעטאַ־מאָרפאָזע אין פּרעזידענט. קוים מיט צרות איז געפונען געווארן אין לאנדאן, דאכט זיך אין ארכיוו פון „ייווא", „די צוקונפט" פון דעצעמבער 1961. אויף דער זייט 474 האט רעדאקטאָר יעקב פּאַט פארעפנטלעכט א לויבגעזאנג פארן פּרעזידענט פון דער יידישער קהילה אין ענגלאנד, סער בארנעט דזשאנער, אונטערן קעפל : „לאָמיר רעדן יידיש".

ס'איז א מעשה שהיה מיט חדשים צוריק אין לאנדאן און האט דערגרייכט ניו־יארק דורך דרום־אפריקע. ווי אזוי סער בארנעט דזשאנער האט גערעדט יידישן(!) מיט יידישע דעפּוטאטן פון ארגענטינע. קומט דערפאר א הלליה דעם פּרעזידענט.

פארשטייט שוין איצטער דער יידיש־עולם אין ענגלאנד פארוואס סער בארנעט דזשאנער האט געברענגט פארן „באָארד" אזעלכע „רעוואלוציאנערע" פארשלאגן לטובת יידיש.

ס'איז אבער אויף ווייטער געבליבן א רעטעניש ווי אזוי דער פּרעזידענט פון „באָארד" איז באווירקט געווארן פון די לויב־געזאנגען אין „די צוקונפט", אז ער זעט זי נישט פאר די אויגן . . .

## יעקב זאנשיין *

## 1. אין שפּיטאל

דו זאגסט
דאָס איז עס אינגאַנצן
דאָס לעבן
און קיין צווייטס איז נישטאָ.

אוי וויי

אויב דאָס איז טאַקע וואָר־
טאָ וואָס וועט זיין מיטן לויתן
מיטן שור־הבור —
זיי האָבן דאָך אויפגעפרעסן
פון מיין קאָפּ די האָר . . .

## 2. רויטע פּיאָלקעס

ווארט ער מער נישט קיינעם —
אַ פארמאַכטער אין זיין ווייסער שאל.
אים איז איצטער גוט,
פון קרייזן פון זיין לייב
באפרייט זיך לייכט דאס בלוט.

און זעט, אין זיין פויסט זיי ליגן דערוואָרגן
די האָפענונג און די שרעק —
אפילו די רויטע פּיאָלקעס בלייכן ביי זיין צוקאָפּנס.

* דער יינגער פּאָעט איז געשטאָרבן דעם חודש אין וואַרשע — ת.נ.צ.ב.ה.

## יהודה ביעטש

# אן אויסגעלאשענער חלום

וואס פאר א רחבותדיקע און וואונדערלעכע עפאכע פאר דער יידישער ליטעראטור עס איז געווען דער לעצטער האלבער יארהונדערט ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה! אזא מזל־ברכה פון שרייבער, דיכטער און קינסטלער וואס האבן דורך די שווערסטע וועגן זיך דורכגעריסן און געשפראצט אויף אומגעריכטע מקומות; אפילו דא ביי אונז אין ווייטשעפל.

די צוויי ביכער פון קייטי בראון, „לאכט, אויב איר ווילט" און „אלץ אין איינעם", זענען אויסגעוואקסן אויף אט אזא הארטן, שווערן באדן. דא אין די ענגע, קרומע געסלעך ארום ווייטשעפל האט זי מיט גרויס מי און איגערלעכן ציטער געפארמט צענדליקער סקיצן, פעליעטאנען און דערציילונגען, וועלכע זענען א געמיש פון רעאליזם מיט אייגנארטיקן, נאטירלעכן הומאר, פאראייביקנדיק א צייט, וואס איז כמעט שוין לעגענדאר און וואלט אפשר פארגעסן געווארן.

עס איז כדאי צו דערמאנען, אז קייטי בראון איז געווען זער יונג ווען זי איז פונם שטעטל איליאנאוו, גאליציען, געקומען קיין לאנדאן. נאך אלס יונג מיידל האט זי ארויסגעוויזן א שטארקע נטיה צו שרייבן, מיט א ספעציעלער ליבשאפט פארן יידישן טעאטער. באלד האט זי זיך אנגעשלאסן אין א דראמאטישן קרייז אין דער איסט־ענד און זיך באטייליקט אין אויפפירונגען פון „גאט, מענטש און טייוול", „זשידאווקא", „אוריאל דאקאסטא" און אנדערע. קייטי בראון האט אויך געשריבן אייניקע פיעסן, וואס מען האט געשטעלט אויף דער בינע.

דא אין ווייטשעפל האט קייטי בראון דערגרייכט איר רייפקייט, און פארנומען א ווירדיק ארט אין יידיש לאנדאן בכלל. יארן לאנג איז זי געווען א מיטארבעטערין אין דער היגער טאג־צייטונג „די צייט", שפעטער אין דער וואכנצייטונג „די יודישע שטימע" און אפט אויך פארעפנטלעכט דערציילונגען אינם חודש־זשורנאל „לשון און לעבן". חוץ מזה איז זי געווען אקטיוו אינם ארבעטער־רינג, ספעציעל אין דער פרויען־סעקציע, פארנעמענדיק זיך מיט כלערליי געזעלשאפטלעכע און קולטור־אקציעס.

קייטי בראונס פילפאכיקע טעטיקייט און איר קומען אין קאנטאקט מיט פארשיידענע טיפן און כאראקטערן האבן איר דערמעגלעכט איינצוזאמלען ווערטפולע איינדרוקן, וואס זי האט אזוי דערפאלגרייך ארייננגעוועבט אין אירע שאפונגען אין משך פון א קנאפן האלבן יארהונדערט.

הגם בעלעטריסטיש דערגרייכט קייטי בראון נישט צו יענער הויכער מדרגה אויפצובויען א בנין מפואר, זענען אבער אירע סקיצן און דערציילונגען אויפריכטיקע, פשוטע, אזוי, אז דער לייענער באקומט דאס געפיל ווי זיי וואלטן געווארן „שותפים" צו דער שעפערישער חדווה, צו די געלונגענע בילדער, וואס דערמאנען אייך פאסירונגען, האנדלונגען פון פריידן און ליידן פון פאלקס־מענטשן.



א טיפן סאציאלן שטריך פון א פארגאנגענער צייט גיט אונז די שריפטשטעלערין אין דער קליינער דערציילונג אירער, „אויף דער עלטער", מאלנדיק א בילד פון „שלמהן דעם פרעסער".

„שלמה דער פרעסער איז א ייד א קראנקער און אויסגעמוטשעטער, קוים וואס ר'האלט זיך אויף די פיס. ער האט לעצטנס גענומען פילן וואס א טאג אלץ שוואכער און שוואכער. אוי, האט ער געטראכט, ווי גוט וואלט אים געווען ווען ר'קען אויספארן אין דער קאונטרי אויף עטלעכע וואכן! אבער צום אומגליק איז שלמה דער פרעסער גאר אומגעריכט אפגעזאגט געווארן פון דער ארבעט אן שום וועלכע ס'איז שטיצע אויף די עלטערע יארן. מחמת דעם באזונדערס שווערן מצב, אין וועלכן ר'האט זיך פלוצלינג געפונען, איז ער געווען געצוואונגען צו זוכן הילף און שטיצע ביי די אינסטיטוציעס, וואס האבן פאר דעם צוועק עקזיסטירט, אבער תמיד אוועקגעאנגען מיט דעם זעלבן ענטפער, אז זיי שטיצן נאר גאר שווער קראנקע, וועלכע ווערן געשיקט פונם דאקטאר מיט אן אנווייזונג, אז זיי ליידן פון „טי־בי" און ענלעכע חולאתן.

„און ווען שלמה דער פרעסער האט נאך אסך מי און טרחה געקריגן דעם „לעטער" פונם דאקטאר, אז ר'איז יא קראנק אויף דער שוידערלעכער קראנקהייט, האט מען אים געזאגט, אז ס'איז שוין צו שפעט, מחמת אן אנדערער האט שוין פארנומען דעם פלאץ. א פארביטערטער, קומט ער צום באשלוס, מורמלענדיק צו זיך, אז אפילו צו אזא קראנקהייט, ווי „טי־בי", דארף מען אויך האבן מזל" . . .

ס'איז אן שום ספק, אז אט די דערציילונג ווארפט א בליק אויפן לעבן פון די הארעפאשנע מענטשן מיט אייניקע צענדליקער יארן צוריק. די שרייבערין וויל מיט דער דאזיקער דערציילונג בפירוש אויסגיסן דעם גאנצן צארן און פארביטערונג אויף דער אומגערעכטיקייט, וואס האט אין יענער צייט געהערשט, אז נאך לאנגע יארן פון שווערער ארבעט, ווען דער מענטש איז קראנק און צעבראכן, ווערט ער אויסגעשפיגן פון דער געזעלשאפט אויף הפקר. אבער זי, קייטי בראון, דריקט אויס איר פראטעסט מיט א טראפן קאמישקייט . . . דאָס איז די „ראָזשינגע" פון איר טאַלענט.

אין איר אייגענעם גאנג פון אויפכאפן איינדרוקן און בילדער פון דער סביבה, האט די שרייבערין געקוקט אויף אירע העלדן ווי אויף נאנטע מענטשן, וועמען זי וויל בשום אופן נישט וויי טון. גלאט אזוי, בדרך אגב, פארבייגייענדיק, ווייזט זי אן אויף פעלערן און שוואכקייטן, מיט קאמיזמען פונם לעבן, ווי מיר זעען עס אין דער דערציילונג — „איך, זי און ער!"

„באמערקנדיק, אז צווישן איר און דער קאנקורענטקע איז פאראן א גרויסער אונטערשיד: למשל, זי איז א הויכע, א בלאנדע, איך — א שווארצע, א דארע; זי — א פעטע, א געזונטע, איך — אן איידעלע, א שוואכע . . . זי איז נאך א מויד א פרייע, איך—שוין א מאמע פון קינדער; זי האט ליב צו שלאפן שפעט, דאס גראדע האב איך אויך ליב, אבער איך מוז אויפשטיין פרי . . .

„פון א בריוו, וואס איז ארויסגעפאלן פון זיין קעשענע בשעת כאפנדיק זיין אויבערמאנטל נאך אפאר שארפע ווערטער, ווי תמיד ארויסלויפנדיק און צוהאקנדיק די טיר מיט רוגזה; אט דער בריוו האט איר באוויזן פון וואנען ס׳נעמט זיך זיין צעטראגנקייט און כעס. „זי שרייבט אין דעם „פי־עם״; — „פארגעס נישט דעם טשעק פאר די פינף און צוואנציק פונט מיטצוברענגען און די טשעקאלאדקעס, וואס איך האב ליב״ און אונטערגעשריבן, „דיין דיך אימער ליבנדע״.

„אבער טראץ די שוואכקייטן, וואס מען זעט אפט ביי פרויען אריינצופאלן אין א שרעקלעכער אייפערזוכט און מאכן סקאנדאלן, האט זי באשלאסן צו קריגן די סומע, כדי אים נישט וויי צו טון. אמת, זי האט עס געטון מיט א באזונדערער כונה, טראכטנדיק, אפשר אויף אזא שטייגער אופן אים צו ברענגען צוריק צו איר.

„ווען ר׳איז יענעם אוונט אהיימגעקומען און זיך גענומען ווארפן אויף זיין שטייגער, אז וויפל ער פארדינט איז אלץ נישט גענוג, האט זי אים דערלאנגט דאס געלט און מיט א שמייכעלע אים געזאגט:

— נא, טראג עס איר אוועק . . .״

ווי קאמיש ס׳זאל נישט אויסזעען דער דאזיקער איינפאל, הויערט איבער דער דערציילונג א זעלישע דערהויבנקייט; א דערהויבנקייט פון ליבע און רחמים, וואס שטראמט פון דעם מאמע נשמה־קוואל. מען באקומט דעם איינדרוק, אז אין דער פאלקס־שרייבערין, קייטי בראון, האבן זיך געראנגלט צוויי כוחות: א פארליבטקייט אינם לעבן מיט זיין כשוף און רייף און א ניכטערע לאגיק, וואס זי האט געוואלט דערגענצן מיט קינסטלערישע פארמען.

אויף א העכסט איינדרוקספולן אופן פארצייכנט קייטי בראון דעם קאנפליקט צווישן דעם עלטערן און יונגערן דור. זי שרייבט אין איר דערציילונג „צופיל יידישקייט״ אזוי:

„קלאגט זיך פאר מיר מיינע א באקאנטע, א שטילע, בכבודע פרוי, און רעדט זיך אראפ איר ביטער הארץ.

„איר עלטסטע טאכטער, וועלכע איז זער גוט אפ און וואוינט אין א רייכער געגנט פון לאנדאן, האט נאך צען יאר פון איר חתונה געבוירן א יינגל. בעט זיך די מוטער ביי איר, אז זי זאל למען־השם א נאמען געבן דעם קינד נאך איר פאטער ישראל און בדרך אגב אירדערציילט, אז דער פאטער איז די לעצטע צייט געקומען איר צו חלום און געבעטן, אז זי זאל אים נישט פארגעסן און בשעת די דאזיקע רייד איר ווארנען, אז ביי יידן זוכט מען נישט קיין נאמען גלאט אין דער וועלט אריין. מען איז זיך פון תמיד אן נוהג א נאמען צו געבן א קינד נאך א זיידן אדער א פעטער; פארזיכערן דער טאכטער, אז דער זיידע אירער איז געווען א טייערער, אפגעהיטענער ייד.

„צו בארואיקן די מוטער, האט זי איר מבטיח געווען, אז זי וועט איבעררעדן מיטן מאן און ער וועט אויך נישט זיין דאקעגן. אבער אין א פאר טעג ארום האט זי געקריגן א בריוו פונם איידעם, שרייבנדיק, אז ס׳טוט אים לייד



וואס ר׳קען נישט דערפילן איר פארלאנג, מחמת ר׳איז געקומען צום באשלוס, אז אזא נאמען ווי ישראל קען מען נישט איבערמאכן . . . ס׳שמעקט מיט צופיל יידישקייט . . . און היינטיקע צייטן מוז מען זיין פארזיכטיק, ספעציעל אין דעם געגנט וואו ער וואוינט. איז צוליב די דאזיקע סבות און אנדערע האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן „מעקענזי״. אבער אז די שוויגער וויל דורכאויס האבן א נאמען נאך איר טאטן, וועט זי מוזן צוּוואַרטן ביז איר יונגסטע טאכטער אין דער איסט־ענד וועט חתונה האבן און געבוירן א יינגל.

„גייט נעבעך ארום די אלטע מאמע א פארביטערטע מיט א צעבראכן הארץ און באוויינט איר טאטנס מזל . . .״

אין דער בילדער־מאזאאיק אין אירע דערציילונגען באגעגנט מען זער אכט פשוטע, הארעפאשנע טיפן, וועלכע זענען אונז באקאנט און נאנט, ווי „דער כלל־טוער״, „א באנקעט״, „אינטעליגענץ״, „דער סורפרייז״, „נחת פון דער מאמען!״, „קבצן, וואו קריכסטו?״ און אין אנדערע.

הגם אסך פון די סקיצן און דערציילונגען האבן געקענט פאסירן אויך אין אנדערע שטעט פון דער גרויסער וועלט, איז אבער די לאקאלע פארב און דער עפעקט פון אזא שטייגער, אז מיר קענען גארנישט אפילו טראכטן, אז דאס קען טרעפן ערגעץ אנדערש־וואו ווי נאר אין ווייטשעפל.

דער פארדינסט פון קייטי בראון איז אנזעעוודיק.

מיט די צוויי ביכער, לאכט, אויב איר ווילט״ און „אלץ אין איינעם״, ווערט פארצייכנט א שטיק לעבן אין יידיש לאנדאן. ווי זי אליין דערקלערט: „פארשטעלן פאר אייך דארף, איך נישט, מחמת איר קענט מיך אלע. און אויב ס׳זענען פאראן אזעלכע צווישן אייך, וועלכע קענען מיך נישט פערזענלעך, קענען זיי מיך פון מיינע פעליעטאנען; פון די טיפן, וואס איך שטעל פאר און לעב זיי איבער צוזאמען מיט אייך, ווייל אויך איך בין פון אייער משפחה און פיל מיט אייך אייערע ליידן און פריידן״.

ס׳וועט אפשר נישט זיין אין איינקלאנג מיטן איבערבליק פון אט די צוויי ביכער, אבער איך קען מיך נישט באפרייען פון א מאמענט, וואס איך האב בייגעוואוינט אין איינעם אן אוונט בעת א שמועס מיט דער שרייבערין קייטי בראון. דער שמועס, ווי געוויינטלעך, האט זיך געדרייט ארום דעם שלעכטן מצב פון יידישן בוך אין דער היינטיקער געזעלשאפט. אזוי־ווי זי האט געהאט אנגעשריבן א ראמאן, „אונטערן זעלבן דאך״, האט דער שמועס זיך געדרייט וועגן שאפן א מעגלעכקייט ארויסצוגעבן אט דעם ראמאן.

אן אומרו האט זיך אין איר א וועק געטון, אלץ אין איר האט געפלאמט מיט באגייסטערונג פון דער מחשבה, וואס האט ביי איר אויפגעבליצט. זי האט צו זיך געזאגט:

— נו, יא, מען מוז האבן בטחון. ס׳איז דאך איינס פון די הויפט־פונקטן פון א מענטשנס לעבן . . .

ס׳האט אויסגעזעען אין דער רגע ווי זי וואלט געפונען א פעסטן אנשפאר אין דעם פינטעלע, וואס מען רופט בטחון. און מיט א שמייכל, וואס האט פלוצ־

לונג אויפגעטויכט, האט זי ווייטער געזאגט :

— איי, וואו נעמט מען אבער דעם גרויסן בטחון און איבערהויפט — כחות אזא שווערן ציל צו דערגרייכן ?

נישט ווילנדיק, האב איך מיך ארומגעקוקט. די ווינקלען פון דער שטוב האבן זיך ביסלעכווייז אנגעפילט מיט טונקלקייט. ס'האט זיך מיר אין דעם מאמענט געראכט, אז דא וואכן אומגעזעענע שאטנס, וואס באוועגן זיך שטיל, אן קלאנג, ווי פארבליבענע אויף דער וועלט פון עפעס א געוועזן לעבן . . .

די שטימונג איז געווען א שווערע. כ'האב זי געטרייסט :

— נו, נישט כדאי צו פארצווייפלען. א „צווילינג" האט איר דאך שוין און א געראטענעם צווילינג ; די צוויי ביכער, „לאכט, אויב איר ווילט" און „אלץ אין איינעם". לאמיר האפן, אז ס'וועט אייך געלינגען צו רעאליזירן אויך דעם חלום אייערן צו זעען דעם דריילינג ; כ'מיין דאס דריטע בוך, דעם ראמאן „אונטערן זעלבן דאך", דערשינען אין בוך־פארם.

צום באדויערן, האט זי עס אבער נישט דערלעבט !

ס'איז געבליבן אן אויסגעלאשענער חלום . . .

## משה בעקערמאן

(דער־ארבעטער טוער „ברוך סראלע מוליארס")

## ב י א ל ע

שוין אַוועק איבער צוואנציק יאר זינט עס איז אין לאנדאן געשטארבן דער מיטגרינדער פון ארבעטער־רינג, זשורנאליסט און מיט־רעדאקטאר פון דער טעגלעכער צייטונג „די צייט", רעדאקטאר פונם וואכנבלאט „דער פאמיליען־פריינט" און א פראגרעסיווע פאליטישע פארזאן, וואס איז רעספעקטירט געווארן פון אלע פאליטישע שיכטן — ברוך וויינבערג.

צום באדויערן איז מיר נישט געלונגען צונויפצוזאמלען גענוג מאטעריאל צו שרייבן וועגן זיין פיל־פאכיקער טעטיקייט אין לאנדאן. וויל איך דא בלויז שילדערן אייניקע עפיזאדן פון זיין לעבן אין ביאלע.

ברוך וויינבערג שטאמט פון א הארעפאשנער פאמיליע. זיין פאטער איז געווען א מוליאר און אין פארגלייך מיט אנדערע בעלי־מלאכות אין שטאט האט די משפחה געלעבט גאנץ באקוועם.

מיין באבעס „שטיבל" — אזוי האט מען באצייכנט דאס לאנגע, שמאלע, מיטן הויכן סופיט שטיבעלע, וואו מען האט מיך דערצויגן — איז געווען א טיר לעבן א טיר וואו סראלע מוליאר האט געוואוינט. ברוך האט געהאט אן עלטערן ברודער, אלטער, און א יונגערן ברודער, שאיע. דא אין לאנדאן האט שאיע זיך גערופן ווינאגורסקי.

זיי האבן געהאט עטלעכע צימערן. דערפאר בין איך געווען אן אפטער איינגייער צו זיי. אבער אויך צוליב דעם, ווייל דארט האט מען אלע וואך געבאקן חלות און ווייבער פלעגן ברענגען זייערע טשאלנטער צו פאררוקן. די הויפט־אורזאך אבער איז געווען דאס זייער ברייטע בעט, וואס איז געשטאנען אויף פיר הויכע פיס דאס בעט איז געשטאנען אזוי אומגעלומפערט הויך, אז איך מיט שאיען האבן זיך גאנץ באקוועם געקענט שפילן אונטערן בעט און נישט געווען אין קיינעמס וועג. ברוך איז שוין געווען „א גרויסער בחור" און זיך באשעפטיקט, מיט אלטערן, אין לייענען ביכלעך און סודען זיך.



אין די ווינטער־מאנאטן, פרייטאג נאכן עסן, אז דער זיידע האט שוין נעכראפעט און געפייפט אויפן הימל־בעטל און די באבע איז שוין געשמאק געשלאפן, פלעגט ברוך מיט אלטערן אריינקומען צו אונז אין שטיבעלע, וואו עס האבן אויך געוואוינט מיינע צוויי מומעס, אין די זעלבע יארן וואס די בחורים. די מיידלעך האבן אלע פרייטאג שוין אנגעגרייט אויסגעטרוקנטע באניע־קערן, און די בחורים פלעגן אריינברענגען מעשה־ביכלעך. די ליכט זענען שוין לאנג אויסגעגאנגען, בלויז דאס לעמפל אויפן וואנט האט געווארפן א טונקעלע שיין אויפן טישל, ארום וועלכן די עלטערע זענען געזעסן. אין יענע אוונטן איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אויפן בעט אדער אויף דער שלאף־באנק. דאס ריטמישע קנאקן פון די באניע־קערן פלעגט פון צייט צו צייט איבערגעריסן ווערן פון א פארשטיקטן געלעכטער . . . צי די ביכלעך זענען געווען הומאריסטישע אדער שונד־ליטעראטור אדער דאס לאכן האט גארנישט געהאט צו טון מיט די ביכלעך, ווייס איך נישט . . . מיך האט אינטערעסירט א גאנץ אנדערע זאך : אז די פאדלאגע איז באדעקט געווארן פון די באניע־קערן שאלעכץ, ווי מיט א ווייסן טעפיך, בין איך שוין געווען אונטערן טיש אנצוקלייבן א זשמעניע מיט קערלעך.

מיט א זיבעציק יאר צוריק, ווען די רעוואלוציאנערע באוועגונג האט זיך קריסטאליזירט אין פארטייען און פראקציעס, איז ברוך וויינבערג אויפגעטרעטן אין ביאלע אלס דער פיאנער פון „בונד". אמת, אז אין שטאט האבן מענטשן נישט באגריפן וואס עס קומט פאר. מען האט געשפירט, אז עפעס אויסטערלישעס קומט פאר אין פארגלייך מיט דעם געווענלעכן טאג־טעגלעכן לעבן. א טייל פון דער יוגנט, מיט ברוך'ן בראש, האט זיך ווי אפגעריסן פון דער שטאטישער יוגנט און זיך אויסבאהאלטן פון די עלטערן ; זיך געסודעט אזוי ערנסט און אפילו שבת בייטאג. ווען מען פלעגט גיין אין וואלד ברײן, האבן זיי זיך געהאלטן באזונדער פון דער איבריקער יוגנט, וואס האט זיך געהוידעט אויף גראבע שטריק צווישן צוויי ביימער אדער זיך געקאטשעט אין גראז מיט די מיידן, וואס זייער הילכיק געלעכטער האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן וואלד פון איין בוים צום צווייטן. ברוך פלעגט דעמאלט זיצן ביים טייך מיט זיין גרופע פארטיפט אין אן ערנסטער דיסקוסיע און קוקן אויף די געהילך־טראטוועס, וועלכע זענען זיך אזוי לאנגזאם געפלאסן אין דער ריכטונג פון בריסט־ליטאווסק קיין טיף רוסלאנד.

ביסלעכווייז האט זיך דערטראגן אין שטאט אריין אזעלכע פרעמדע ווערטער, ווי „פראקלאמאציע", „קאנספיראציע", „בונד", „בירזשע" און אזעלכע ראשי־תיבות, ווי „פע פע עס", עס ערץ", עס דע". מענטשן האבן אויסגעשטעלט מויל און אויערן, געהויבן מיט די אקסלען און נישט געקענט פארשטיין וואס

אן אנשיקעניש ס׳איז געקומען אויפן שטעטל. מען האט געקרעכצט און געהויקעט אויף די עלטערן, וואס גאט האט זיי, נעבעך, געשטראפט מיט א זונדל, וועלכער פארשווארצט זיי די יארן און וועט נאך, חלילה, ברענגען אן אומגליק אויפן גאנצן שטעטל.

דאס אומגליק האט נישט געלאזט לאנג ווארטן אויף זיך?

אין א געוויסן שבתדיקן פרימארגן איז דאס גאנצע שטעטל ווי פאראליזשירט געווארן. יידן אויף די טירן און די, וואס זענען געגאנגען צום ערשטן דאווענען, האבן מיט ערנסטע פנימער גערעדט וועגן דער „אבלאווע", וואס איז פארגעקומען און שטאט פרייטאג נאך האלבער נאכט. די נייעס וועגן דער אבלאווע האט זיך, ווי א ווירבל־ווינט, אריינגעדרונגען אין יעדן יידישן הויז. מען האט מורא געהאט ארויסצורעדן א הויך ווארט, און איינער דעם צווייטן האט דערשראקן שטיל געפרעגט:

— ועמענס תכשיטל האט מען דאס ארעסטירט?

— אך און וויי צו זיינע עלטערן!

ווייבער האבן זיך געבראכן די הענט, און מענער האבן זיך געקליגט:

— נו, וואס דען, וואס קען מען דערווארטן פון אזא טאטן?

אדער:

— קיין טאטן — נישט דא גערעדט! — האט עס נישט, דארף זיין אלטע מאמע, נעבעך, אויסשטיין חרפות און בושות פון איר צעבאלעוועט זונדל!!

אין יענער נאכט איז ברוך מיט ביידע ברידער ארעסטירט געווארן צוזאמען מיט נאך א צענדליק יוגנטלעכע. די רוסישע מאכט האט שוין, אפנים, פארדאס געוואוסט וואס אין שטאט קומט פאר, ווייל די שפאגל־נייע טורמע, אין צפון פון שטאט, האט זיך דערפריידט מיט אירע ערשטע פאליטישע ארעסטאנטן.

עס דארף דא געזאגט ווערן, אז אויך גאט האט געשטראפט מיט איך האנט סראלען מוליאר מיט דריי בנים „רעוואלוציאנערן", האט ער אים מיט דער צווייטער האנט געבענטשט מיט דריי שיינע קינדער. דער שענסטער פון זיי איז געווען שאיע, אבער ברוך האט אויס באזעסן כאראקטער־שטריכן פון א שטארקן ווילן, צוזאמען מיט א גוט־דערצויגנקייט וואס האט זיך אויסגעדריקט אין זיינע שמייכלענדיקע אויגן. ער איז געווען א געבוירענער הומאריסט, און אין די שפעטערע יארן פון זיין לעבן האט ער געקוקט מיט א סאטירישן בליק אויפן לעבן.

איז טאקע נישט קיין וואונדער, וואס מיינע מומעס האבן מיך די נעכסטע שבתים נאך דער אבלאווע מיטגענומען צו מיין פעטער מענדלרויזעס, וואס האט גראדע געוואוינט אין א הויז אויפן ערשטן שטאק, פונקט קעגנאיבער דער נייער פורמע. ס׳האט אויסגעקוקט אביסל קאמיש ווי די „פאליטישע" מאכן זייערע איבונגען אויפן קליינעם הייפל פון דער טורמע, און יעדעס מאל, ווען די וויינבערגס האבן פארביימארשירט אין א קיילעכדיקן ראד קעגנאיבער אונזער פענסטער, האט מען זיך אויסגעטוישט מיט פריילעכע בליקן און מאדנע צייכנס. מיין פעטער האט דערקלערט, אז די צייכנס באטייטן, אז מען וועט



זיי צוערשט שיקן אין ווארשעווער ציטאדעל.

ווען איך האב פארלאזט ביאלע איז שוין ברוך געווען אין סיביר. ווען איך האב מיט עטלעכע יאר שפעטער געטראפן שאיען אין ווארשעווער יידישן שפיטאל, וואו מיר זיינען ביידע געווען פאציענטן, האט ער מיר געזאגט, אז ברוך גרייט זיך צו פארן קיין לאנדאן.

זיין לעבן אין לאנדאן עטלעכע און פערציק יאר פארדינט א בכבודיקן פלאץ אין דער געשיכטע פון דער לאנדאנער יידישער פרעסע, און קולטור־אַרבעט.

יוסף לעפטוויטש

## אברהם רייזן

מאי קא משמע לן, דיין טויט,
וואסזשע לאזט ער מיר צו הערן?
האסט גערעדט אמאל מיט מיר,
וואס נאכן טויט וועט פון אונז ווערן.

לעבן און טויט דאן זענען געווען פראגן.
דו האסט פארגעזאגט דיין ליד פאר מיר —
„פרעגט די וועלט די אלטע קשיא".
איז די קשיא פארענטפערט איצט פאר דיר?

ווייסטו איצט פארוואס עס שלאגט דער זייגער?
וואס דאס ליכטעל לאזט אונז הערן,
ווען עס קאפעט אין דער פינסטער.
און דערפון וועט באלד ניט ווערן?

קלאגט דער רעגן דיר נאך טרויריק,
ווי ער האט דיר געקלאגט ביים לעבן?
האט דער טויט אנענטפער אפשר
אויף דיינע קשיאות דיר געגעבן?

* * *

איך ווייס נאך ניט פאר זיי קיין ענטפער.
נאר איך ווייס וואס ס׳דיין בארוף —
דו ביזט דער גרויסער זינגער
ביי אונזער מלכה יידיש׳ס הויף.

מיר זינגען ווייטער דיינע לידער,
וואס זענען געבליבן אונז נאך דיר.
ארימע לייט דאנקן גאט פאר די בלומן
וואס וואקסן אין מיסט ביי זייער טיר.

דו פלעגסט אונז אלע בארוהיקן
ווען מ׳האט דאס האמערן דערהערט.

דאס בויט זיך א בעסערע וועלט, פלעגסטו זאגן,
דא אויף דער אלטער ערד.

ווו האסטו זיך געלערנט אזוי זינגען ?
דיין ליד איז געוואקסן ווי עס וואקסט א בלום.
דיין קבר איז ניט מער ענג
ווי די ארימע שטוב פון וואנען איך קום.

* * *

פשוטע יידישע מענשן
זינגען נאך היינט דיינע לידער.
ווי לאנג מ׳וועט ריידן יידיש,
וועט מ׳זיי זינגען ווידער און ווידער.

דיינע לידער גיין ארום ביים העלן טאג,
כאטש די ליגסט אין דער פינסטערער ערד.
אין דער פינסטער האסטו אונז אנגעזאגט
דעם קאיאר וואס איז באשערט.

מאי קא משמע לן, דיין טויט,
וואסזשע לאזט ער הערן מיר,
וואס האט געקענט ניט נאר דיין ליד,
נאר אויכעט דיר ?

דו האסט באקומען דיין לוין,
פאר דיין זינגען דא.
דיינע לידער בלייבן לעבן,
האסט דורך זיי עולם הבא.

## עלי זילבערג

### געדאנקן

אויב גלויבן איז נאריש,
כ׳וויל בלייבן א נאר,
און גלויבן אז גליק איז פעראנען,
ווי אפט האט דאס גליק,
מיר אין פנים געלאכט,
צו האלטן כ׳האב עס ניט פערשטאַנען.

אויב האפן איז קינדיש,
כ׳וויל ווערן א קינד,
און האפן אין בעסערע צייטן,
כ׳וויל האפן אין וואונדער,
אז די צוטרייסעלטע וועלט,
ווערט זיך נאך פון יאוש אויסלייטן.

אויב ליבן איז פיינלעך,
כ׳וויל שטארבן פון פיין,
נאר ליבן איך וועל ניט אויפהערן,
כ׳וויל ליבן די פעלדער,
די בוימער, דעם ים,
דעם הימלס אונציייליגע שטערן.

כ׳וויל גלויבן, און האפן,
און ליבן די וועלט,
די וועלט וועלכע איז אונז געגעבן,
צו בויען, צו שאפן,
צו העלפן אין נויט
און ווירדיק די יארן אויסלעבן.



## א. נ. שטענצל

# דער סאסנאווער וואלד

1

פאר ר׳ מאטל שוחט איז טאקע געווען דער קרן — שלמה, אבער פאר דער שוחטקע פאר דאבעלען, איז עס געווען א טאפלטער ענין: יחוס און געלט; ראשית איז ער אן אייניקל פון בענדינער רב, זכותו יגן עלינו, וואס ליגט אין אוהל און פון בארג און יעדערער ווערט דורך אים געהאלפן. אין א נויט, — באשירעמט און באהיט זאל מען ווערן! —איז אדער מ׳לייגט אריין א קוויטל אין אוהל אדער מ׳בלייבט שטייט מיט אין אויסגעשטרעקטער האנט פארן אוהל, און מיט גארנישט גייט מען שוין נישט אהיים . . .

אבער פאר דער קלוגער און פראקטישער דאבעלע איז דאך דער עיקר געווען דער טשעלאדזשער זיידע, וואס פון אים האט זי נאך געהערט גאנצע פעק מיט מעשיות, וועלכע איר פאטער, הערש־לייב לעכטציער, האט אהיימגעברענגט, פארנדיק מיט זיין ביסל אויסגעארבעטע סחורה אויף די זאגלעמביער ירידן אזש ביז אויפן שעווערער מארק אויף דער פרייסישער גרענעץ. און טאקע פון אים, דעם נחום טשעלאדזשער, האט ער, הערש לייב, געקריגן דעם גמילות־חסד — א קנאקעדיקן פינף און צוואנציקער, כדי ער זאל האבן מיט וואס זיך צו ציען קיין בענדין; און טאקע אין מלכה צימעס הויז אים פארדונגען א שטוב און א ווינקל פאר דער ליכט־ציעריי; און צוזאם מיטן דירה־געלט אויסגעצאלט דעם גמילות־חסד מיט ליכט אויף שבת.

און עס איז מסתם געווען דער ריח פון דעם קאכעדיקן חלב, וואס דאס הויז האט זיך אנגעשמעקט, נאך אין יענע יונגע יארן, וואס ס׳האט זיך געהערט דערפון ווי פון אן אלטן מענטשן; און צולעצט ווען ס׳איז נאך אויך צוגעקומען דאס געווענזל פון לייב הערשס געווענזלטע הערינג.

נאך אין ווידעסלאוו, א קליין־געוויקסיק, רירעוודיק מיידעלע, מיט פוכלע, פלינקע הענטלעך, הויך פארשארצטע און רויטע ביז איבער די עלנבויגנס, די גאנצע „ציערין" שוין; דער פאטער פארשווארצט אויף די מערק און די מוטער תמיד מיט א קינד ביי דער ברוסט, און זי שטייענדיק גאנצע טעג איבער דעם הייסן מולטער חלב זיך בריענדיק די קורצע הענטלעך האט זיך געגווג א:געהערט פון דעם מקום, ווו מ׳גראבט די שווארצע דימענטן און גאלד שארט מען דארט ממש אין די גאסן.

ערשט שפעטער אין בענדין, א דערוואקסענע שוין, א כלה־מיידל, ווען גאנצע שטאט האט געקלונגען פון דעם יחוס־שידוך, וואס דער טשעלאדזשער בעל־גוף האט געטון מיט זיין בת־יחידה, מיט אן אייניקל פונם צדיק דרויסן אין אוהל, א זון פונם טשענסטאכאווער דיין . . . און ווער ווייסט, צווישן די אלע כלה־מתנות, וואס אסתרל די רביצין האט געגעבן איר בן־יחידס כלה און די ירושה וואס זי האט איר נאכגעלאזן, דאס זעקל מיט צירונג און פערל — ווער ווייסט, אפשר ליגט אויך דערין דאס בארימטע גאלדענע שטעקעלע פון סימאן הארט ? . . . און דאס אלץ קאן איצט אריינפאלן צו איר טאכטער . . .

ביי דאבעלע די שוחטקע, די אויפגעקומענע סאסנאוועצער גבירנטע איצט, דאס פארהארעוועטע מיידל פון אמאל, די פראקטישע בעל־הביתטע, וואס די גאנצע „מלוכה" האט זי געטראגן אויף איר קאפ און די פוכלע הענטלעך זענען אומעטום געווען: ביים גענויען אפציילן דאס גענומענע דירה־געלט פון די צענדליקער לאקאטארן, ביי די טעפלעך אין קיך און ביים טיילן נויטבאדערפטיקע יעדן וויפל ס׳קומט, לויט ווי זי פארשטייט — האט סוף כל סוף געשפילט די ראלע יחוס און געלט. אבער ביי ר׳מאטל שוחט איז געווען דער עיקר דער קרן. א געבוירענער און געכאוועטער אין ווידעסלאוו, ווו אין בית־מדרש האט מען אנגעוויזן אויף די פלעצער, ווו דער רבי ר׳ יהונתן האט געלערנט און דער רבי ר׳בונם — זיך געמוחט, האט ער געוווסט וואס אזוינס ס׳מיינט לערנען, דרך־ארץ האבן פאר תורה.

ר׳ מאטל אליין נישט קיין גרויסער למדן, אבער א חסידישער ייד מיט א גלייכן שכל. די דריי־פיר מסכתות, וואס ער האט געלערנט אלס ייִנגל אין חדר און שפעטער ביי א בחור אין בית־מדרש, האט ער שפעטער געלערנט אליין פאר זיך ווי א בחור אין בית־מדרש מיט א זיסן גמרא־ניגון. און נאך איצט, ווען ער זעצט זיך אין סאכאטשעווער שטיבל אין סאסנאוועצ צו דער גמרא, איז עס אלץ די זעלבע דריי־פיר מסכתות און מיטן זעלבן קול־נגינה. א גלייכער, א שלאנקער, שאקלט ער זיך מסנונותדיק און ריטמיש און מ׳הערט ארויס דעם שכל־הישר ווי ער איז זיך מסביר.

און נישט נאר אין שטיבל, ביי זיך אין דער היים איז עס זיין גרעסטער תענוג און הנאה אריינצוגיין אין דער לעצטער שטוב, אין דער סאלע, זיך זעצן צו דער גמרא און לערנען אויפן קול. דאבעלע איז כלומרשט פארטון אין שלאף־שטוב ביי דער קאסע, אין קיך ביי די טעפלעך, די פוכלע קורצע הענטלעך ארבעטן פלינק שנעל, אבער מען זעט אין די לאכנדיקע אייגעלעך, אין צעגלאנצטן גוידערל, אז זי הערט זיך גוט צו . . .

איז עס דאך געווען דאס לערנען פון די דריי־פיר מסכתות, דער הארציק־זיסער ניגון, די מסינותדיקע הסברה זיינע מיט זיך אליין, וואס האט אויסגעזונגען זיין באהאלטענע ליבשאפט צו דעם הארעפאשנעם, קלוגן מיידל אין שול־געסל אין ווידעסלאוו, דעם ליכט־ציערס טאכטער און פון דאבעלען צו אים דעם שלאנקן, שיינעם, שטילן, א ביסל שעמעוודיקן, בחור.

אן ארעם ייִנגל אין ווידעסלאוו פרי פאריתומט, נישט קיין מתמיד, נישט קיין עילוי, א שטילס, א בעל דרך־ארץ, זיצט ביים לעצטן טיש תמיד אויפן זעלבן פלאץ און מיטן זעלבן, זיסן ניגון — אן ארעם־בחור אין דער אייגענער שטאט. אין ווידעסלאוו האט יעדער ייד, יעדער דארף־גייער, יעדער בעל־מלאכה געוווסט וואס עס הייסט לערנען. און האט א ייִנגל געהאט א תשוקה צו דער תורה, האבן זיך בעלי־בתים געריסן דערפאר עס צו פארזארגן — א שטעטל וואס קלינגט איבער דער וועלט דורך דער תורה! מלכים אויף רייטוועגן מיט זייערע סוויטעס, בישאפן אין קארעטעס מיט זייערע דינער קומען הערן א קלוג ווארט פון דעם וועלט־חכם אין פראג און אלטאנע; ווארשעווער



באנקירן, שלאכטשיצן מיט זעקס פערד נאשפיץ קומען געהאלפן ווערן, אן עצה פרעגן ביים צדיק אין פשיסכא — ייִנגלעך פון ווידעסלאווער בית־מדרש. גרויסע שטעט אין קרוין־פוילן האבן זיך מתקנא געווען אינם שטעטל ווידעסלאוו: א קליינקייט דער ר׳ יהונתן, דער רבי ר׳ בונם!

און דער ליכט־ציער, פארשווארצט א גאנצע וואך אויף די מערק, אהיימקומענדיק אויף שבת, אריינקומענדיק אין בית־מדרש און הערנדיק ווי דאס בחורל לערנט, ווי עס ציט אזוי במסינותדיק דעם ניגען, ווי עס פלעכט אזוי שכלדיק די ווערטער — הבדלה־ליכט א כלה צו דער חופה צו פירן! . . .

עס ווערט אים אזוי ליכטיק אין די אויגן: אפשר טאקע? . . . אפשר שיקט אים גאט צו אזא נחת פאר זיין דאבעלען . . . עס זיצט דאך דא ביים עק טיש, מיט דער האנט צו דערגרייכן . . .

און ער האט זיך מיט מוט אנגענומען און דאס ארעם־בחורל אהיימגעבעטן אויף א ווינטער פרייטאג־צו־נאכטס, אז ער זאל מיט אים די פרשה מיט רש״י אדורכלערנען, אין „כלי־יקר", אין „מאור ושמש" פשט אים זאגן . . . ליכטיק איז געווארן די שטוב ווען דער בחור האט אנגעהויבן לערנען די ווינטערדיקע חומש־מעשיות, און פונם באריכותדיקן פארטייטשן האט זיך ארויסגעהערט, אז ער וויל די אנדערע אין שטוב זאלן זיך אויך צוהערן . . .

די זשוואווע דאבעלע, רויט ביז איבער די אויערן, האט גאנץ אויפגעלעבט . . . און ווען זי האט אים מכבד געווען מיט די קרוכלע אייער־קיכלעך האט ער זיך גארנישט געקענט אפלויבן: „טעם גן עדן" . . . אזא ווארעמקייט, א שבתדיק־היימישע, האט אים ארומגענומען דאס זאגנדיק, טרעפנדיק איר שמייכל ענטפערנדיק זיינעם. צוגעוווינט צו דער שטוב, איז ער שוין אריינגעקומען שבת אין דער פרי אויף א גלעזל ווארעמע ציקאריע. אין מיטן דער וואך, אז ערפל־פלאץ איז גערעטן, האט זי אים מיט א קליין שוועסטערל צוגעשיקט א שטיק „למען השם קיינער זאל נישט זעען" . . .

און ווען דער הערש לייב לעכט־ציער האט זיך געצויגן קיין בענדין, האט דער שטילער בחור מיט זיין זיסן ניגון שוין אויסגעפעלט שבת ביים טיש . . . דאבעלע האט אויך געלאזט פאלן א ווארט . . . אהין־אהער, ווי ווייט איז דען ווידעסלאוו פון בענדין? מ׳האט דעם בחור אהערגעברענגט און דאס יונגע פארל חתונה געמאכט. עס איז געווען א זיווג פאר גאט און פאר לייט. דער שלאנקער, שטילער יונגערמאנטשיק, ווען ער איז ארויס ווי א טאק פון די זשוואווע הענטלעך פון זיין יונג ווייבל מיטן סאמעטענעם טלית־זאק אונטערן ארעם, איז ס׳גאנצע שול־געסל ארויס, אים נאכקוקן. ניין, זי האט אים נישט צוגעלאזט א האנט אין קאלט וואסער אריין טון, קיין פלעקל חלב טאר אויף זיין מלבוש נישט ארויפקומען: זי ארבעט שוין פאר צוויי! און אין איר קעפל האט עס אויך געארבעט . . . זיצנדיק מיט אים ביים אנבייסן, זיך שפיגלענדיק אין אים, האט זי אים אפגעשיקט אין חסידים־שטיבל אריין, ווו די קעסט־איידעמלעך פראווען חסידות אדער זיצן ביי גמרות מיט התמדה: „אין בית־מדרש איז צו פראסט", ער עסט נישט קיין קעסט ביי קיין קארגער שוויגער,

זי איז זיין שפייזערין . . .

איר פּראַקטישע קלוגקייט האָט איר גוט אונטערגעזאָגט, פאַר וואָס זי האָט אים געשיקט אין דער „חסידים־שטוב“. אין געפּאַקטן בית־מדרש, וווּ יומם־ולילה ווערט געלערנט מיט אַ ברען, אַזש די ווענט שוויצן, אַזש די בריק איבער דער פּשעמזע ציטערט, דויערט לאַנג און מ׳מוז שוין זיין אַ שאַרף קעסט־איידעמל פון אַ נגיד אויף דער מזרח־וואַנט, אַז מ׳זאָל דערזעען אַ פּריש־צוגעקומענעם . . . אין דער חסידים־שטוב איז אַנדערש. מיט איין לחיים, מיט איין קלאַפּ אין דער פּלייצע איז מען איינגעקויפט אין דער חבֿרה: נישט נאָר תּורה איז דאָרט די בעסטע סחורה . . . „ובחרת בלחיים“! לייענט אַ קאַצקער.

ווען אַן אַלטער חסיד איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרן טיש, ווּ דער נייער יונגערמאַן איז זיך געזעסן מיט זיין ריטמיש־מסינותדיקן געשאַקל ביי אַ גרויסער ש״ס־גמרא חולין און זיך מסביר געווען, ווי ער וואָלט ממש זיין איינער אַליין און מיט אַזאַ האַרציק־זיסן ניגון, איז ער איבער אים שטיין געבליבן אינמיטן פּיפּקען זיין לאַנגע ליולקע־ציבעק. ער קוקט אים שאַרף אָן דורך זיינע פאַרזשמורעטע ברעמען און זעט, דאָ וואַקסט נישט קיין רבֿ. אָבער דער יונגערמאַן געפעלט אים, זיין גמרא־ניגון צעגייט זיך אים אין די אַלטע ביינער: „חבֿרה, ס׳איז מסוכן... שיקט אַרויס נאָך תּיקון,... ס׳וואַקסט דאָ אַ שוחט!... און איך האָב שוין פאַר אים אַ שטעלע אויכעט . . . איר הערט ווי ס׳זינגט ווי סקלינגט, ווי ס׳שאַלט? אַפּייגעלע פונם סאָסנאָוויצער אַ יסגעהאַקטן וואַלד, וואָלט אין קלויז אַריין דאָ אַנגעפלויגן. נו, וואָס זיצט עטס ווי די גולמס — אַרויפגעצויגן?“

און נאָך איידער דער יונגערמאַן האָט צייט געהאַט איבערצורייסן זיין ניגון, איז ער שוין געלעגן אויפן שולחן, און נאָך דער „משכנתא“ איז שוין געשטאַנען דאָס פלעשל בראַנפן אויפן טיש און מ׳האָט אים געווונטשן: „לחיים, שוחט מק״ק סאָסנאָוויעץ!“ . . .

דאַבעלען איז עס אַריין אין קרעפּל! און נאָך אין זעלבן אָוונט איז שוין געזעסן דער זעלבער קלמן בדחן ביי הערש לייב לעכטציער ביים טיש, געפּיפּקעט די פייקע און פאַרצויגן מיט אַ גראַם. דעם בראַנפן האָט ער געטרונקען איין גלעזל נאָכן צווייטן, אָבער דעם באַטעמטן קאַרטאָפל־פּלאַץ האָט ער געגעסן מיט שכל, געפּרוווט אים אויף דער צונג ווי אַ באַקאַנט גלעזל גוטן וויין: „דאַכט זיך ס׳שמעקט מיט ווידעסלאַוו . . . בונם, בונם, ווּ ביסטו אַהינגעקומען?“ האָט ער געצויגן אַ טרויעריקע מעלאָדיע און געקוקט מיט ליבשאַפט אויף דעם יונגן זיווג, וואָס זענען געזעסן פאַר אים אין זייער האָניק־חודש. און שוין געהאַט אַ שוחט מאַנשי־שלומינו ווּ ער וועט קענען לערנען שטעלן אַ חלף און אים מיטנעמען אין שחט־הויז אַריין. אַ קבלה וועט אים געבן ר׳איטשעלע. דער רבֿ איז אויך מאַנשי־שלומינו — דעם „חסד לאַבֿרהמ״ס אַ מענטש!

און איידער ס׳איז נאָך אַדורך דאָס שנה־ראשונה, די צוועלף חדשים צוגעזאָגטע קעסט און דער יונגערמאַן איז שוין געווען סאָסנאָוויצער שוחט; אַ קהלה, וואָס איז קוים באַשטאַנען פון אַ מנין ייִדישע איינוווינער און פון אַ צווייטן



העלפט קאַמי־וואַזשאַרן, שפּיליטער און פּאַדריאַדשטיקעס, רוסיש־ליטווישע ייִדן, וואָס האָבן נאָך געזוכט אַ היימיש־ייִדישן מיטאָג און אים געפונען ביי דער יונגער שוחטקע, און געלעקט דערפון די פינגער. און דאָס איז געווען די צווייטע העלפט פּרנסה פון דעם יונגן פּאָר — „אַ שיין ווייב איז אַ האַלבע פּרנסה!

און אַ פּרנסה האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אין שטאָט — מ׳האָט געזשאַבט! מיטן אַנטדעקן נייע קוילן־גרובנס אויף דער זייט, צו מילעוויץ־טשעלאַדזש צו, און מיטן אויפשטעלן הוטעס אויף דער זייט שטעמעשיץ־שעלצע, און דער עיקר מיטן בויען די געוואַלדיקע באַן־סטאַציע, נישט צו שעמען זיך מיט איר אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ, אויף דער פּרייסישער זייט — פּונקט אַקייגנאיבער דער מאַנדזשעווער גאַס! — איז זי געוואָרן אַ צענטער אַרום וועלכן אַ שטאָט האָט זיך גענומען בויען איבערנאַכט. און דעם שוחטס הייזל אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן הויף מיט אַ הויכן פּאַרקן, — ווּ אין גאָרטן איז געווען אויפגעשטעלט אַ שחט־הייזל פאַר עופות און דקות, — אויף ראָג מאַנדזשעווער גאַס, ווּ מ׳דרייט זיך אַריין צום קאַשטשיאַל, איז געוואָרן דער הויפּט־מקום, ווּ מ׳האָט זיך געטראָפן.

קודם איז דער שוחט דער איינציקער כלי־קודש און דאָס הייזל פאַר דעם יונגן פּאָר איז געווען ברייווחדיק. האָבן די צען ייִדן דאָרטן געמאַכט אַ מנין. און די אַגענטן, די קאָמיסיאָנערס, זיצן־בלייבנדיק נאָך אַ געשמאַקן, זאַטן מיטאָג, האָבן געכאַפּט אַ קערטל און געבליבן שוין איבער אַ גלעזל טיי מיט לימענע מיט דעם געשמאַקן צובייסעכץ, וואָס דאַבעלע מיט אירע זשוואַווע, פלינקע הענטלעך האָט מיט שכל פאַרשטאַנען צוצוגרייטן.

די אוקראַיניש־ליטווישע רוסיפיצירטע ייִדן, וואָס אַלץ דאָ אין דעם „קאַף“ איז געווען פרעמד, האָבן זיך דאָ אין דעם גרויסן אַרומגעצוימטן הויף ביי דעם היימישן, היימלעכן יונגען פּאָרפאָלק געפונען ווי אין דער היים, ווי ביים טאַטן אין „ווייַנגאָרטן“, ווי ביי דער מאַמען אין קליינעם ליטוויש־אוקראַיינישן שטעטל צוגאַסט אויף יום־טובֿ: גענז און קאַטשקעס קוואַטשקען אין דרויסן און הענער קרייען, אין דער קיך סמאַזשעט מען אויף פּאַטלען. דער פרעגלדיקער ריח צוזאַמען מיטן רויך פונם פיינעם „פּראַגרעס“־ציגאַרעטל צענעמט די נאָזלעכער און מ׳צעזינגט זיך אַזוי היימיש מיט אַ וואָלאָזשינער־סלאַבאָדקער ישיבֿה־ניגון: „און אַז דו האָסט דריי מלכים, האָב איך פיר מלכות און איך פייף אויף דיר — נאַ פּליעוואַט“!

בכלל האָבן זיי ליב־באַקומען די „שטוב“. די זויבערקייט און אָרבעטסזאַמקייט פון דעם גראַציעזן ווייבל, דאָס קוקן זיך אין די אויגן ווי צוויי טויבן, ווען דער יונגער שוחט איז אַריינגעקומען נאָכן אָפּשחטן אַ צוויי־דריי הונדערט הינער און גענז, וואָס גייען מיט אַ „שפּיליטער“ קיין דייטשלאַנד פאַר פרומע ייִדן דאָרט — זייט די וואַרשעווינער באַן איז פאַרטיק געוואָרן האָט אַפילו דאָס „מולכן“, דאָס „שוואַרצן“ אויך אָנגענומען אַ בעל־ביתישן כאַראַקטער.

זי איז אַ קליינע, אין די חדשים שוין, אַ פּוכליק־קיילעכדיקע, מיט אַ

בייכעלע ווי אן אנגעשטאפט גענזל און ער — א שלאנקער, א גראדער, קוקט ער צו איר נחתדיק שטיל אראפ און זי צו אים ארויף, מיט דאַנקבאַרקייט.

מוטניק, דער ווילער יונג צווישן זיי, כאפט אויף דעם בליק. ער פארבייסט א שארפן וויץ, וואס ער וואלט אים שוין אנדערשוו געמאכט. פלוצלינג אָבער פאַרציט זיך דער קאנדאס אין אן ערנסטע גרימאַסע, ער לייגט אוועק די קארטן אויפן טיש: „איר זעט, חברה, בלויז טרומף. נאפליעוואט, איך פייף דערויף . . . איך פאַר קומענדיקע וואך קיין שקלאוו און ברענג אהער מיין גאנצן הינער־שטייג. דער שוחט מיט דער שוחטקע געפעלן מיר . . .“

אז ס׳פעלט אויס אמאל איינער צו מנין, גייט אריין דער פאדריאדטשיק, גאספאדין ראַכמאַנאָ׳ו און שלעפט אראנטשיקן מיט: „קלאפ דאך אפּ א רבנן־קדיש נאך דיין טאטן!“ און האט ווער פון זיי יארצייט, ווייסן זיי שוין, ברענגט מען מיט א מאנאפאלקע — פא כאסידאצקאמו!

איינמאל, דער זיסער גמרא־ניגון פון דער צווייטער שטוב האט געקלונגען מאדנע טרויעריק און דאבעלע, ווי פארפלאמט זי איז נישט געווען ביים צוברענגען צום טיש די געפּרעגלטע ערפל־פלאץ־באבעלעך, אבער די אייגן מוטנע אויסגעלאשן, מוטניק האט שוין געוואלט ארייַנווארפן א צוויי־דייטיקן וויץ, דער פאדריאדטשיק, גאספאדין ראַכמאַנאָוו, קוקנדיק איבער די קארטן, האט דערזעען און פארויסגעכאפט: „טייערע פרוי צווייגנהאפטיק, איר זענט מיר פּאכאזשע נישט די זעלבע וואס אלעמאל . . . עפּעס קלאפט דא נישט . . . מיר פארשטייען זיך אויף אזוינס, מיר קענען זיך אויס אויף די דראבנע אותיות“ . . . דער קלאגנדיקער ניגון דרינען איז איבערגעריסן געווארן. און דערזעענדיק דעם ייִנגנמאן שטיין טרויעריק אין דער טיר, איז אים גאספאדין ראַכמאַנאָוו מיט רוסישער ברייטקייט, מיט א שמייכל, אקייגנגעגאנגען: „זאגט מיר, יונגערמאן, וואס איז אייך הארב דארטן אין דער גמרא? . . . מיר זענען אייגענע, מיר האבן אויך געשוויצט איבער אַ שווערער סוגיא. און א טאג איז אויך אונז אמאל אנגעקומען מיט גרינע ווערעם“.

און דער יונגערמאן, מיט זיין בנעימותדיק קול, האט אין קורצן דערציילט: „דער גאספאדארזש איז אן ארנטלעכער ערל, נאר אזוי ווי מ׳מויערט איצט אויף דער מאנדזשעווער גאס, קויפט מען אפּ די ליידיקע פלעצער. האט מען אים געבאטן 300 רובל דא פארן הויף מיטן הייזל. מיר לאזט ער עס פאר 250 . . . ער איז נישט קיין שפעקולאַנט, אָבער . . .“

ראַכמאַנאָוו צעלאכט זיך, און חברה אין כאר לאכן מיט אים: „אט דאס איז עס אינגאנצן? אט דא האט איר די גאנצע 300 רובל“ . . . שלעפּט ארויס א גרויסן טייסטער מיט לויטער פינף און צוואנציקער: „דעם גאספאדארזש דעם ערל, ווי איר זאגט, גיט 250 רובל און 50 זאלט איר באהאלטן אויף א חנוכת־הבית, ווען דא דער הויף וועט נישט זיין ארומגערינגלט מיט קיין הייכן פארקן, נאר מיט א קאמעניצע פון פיר שטאק!“

דער שטילער, מסינותדיקער יונגערמאן האט זיך געהאלטן, נישט ארויס פון די כלים. ער האט נאר געהאלטן אין איין קוקן אויף זיין דאבעלען זי זאל,



חלילה, נישט מפיל זיין: „איר מיינט טאקע, גאספאדין ראַכמאַנאָוו, איר ווילט דאס הויז קויפן און מיר וועלן דא קאנען בלייבן אין אונזער דירה?“ דער יונגער שוחט האט געזעען אין ראַכמאַנאָווס פנים און אין די פנימער ארום, אז דאס מיינט נישט דער רייכער פאדריאדטשיק אזוי ארום זיך א נחלה צו פארשאפן אויף דער מאנדזשעווער גאס. דאס איז א מאסקווער קופיעץ פערווע גילדע, וואס א דריי הונדערט רובל־שטיק ביי אים איז „נאפליעוואט“; נאר מורא האבנדיק, אז פון גרויס פרייד קאן נאך, חלילה, אן אומגליק געשען מיט זיין יונג ווייבל.

שבת און זונטאג האט מען די „דייטשן“־„קאצאפעס“ נישט געזען. זיי האבן געוווסט, אז מיט זייער דערשיינען שבת מיט די ציגארעטלעך אין מויל, מיט די בליישטיפטן הינטער די אויערן קאנען זיי אין א פויליש־יידישער שטוב פרייטאג צו נאכטס בשעת זינגען זמירות, צי אפילו שבת נאכן קוגל נישט אריינפאלן.

גאספאדין ראַכמאַנאָ׳ו, האט עס געהייסן, פארט אויף שבת קיין קאטאוויץ אין דער סינאגאגע צו „גאטעסדינסט“ . . .

זונטאג האבן זיי שוין אלע גאנץ אנדערשוו „פארברענגט“, איינגעלאדן אין רוסישע און פוילישע הייזער, אין קאבארעטן איבער דער גרענעץ.

די שטאט האט גענומען וואקסן ווי אויף הייוון. זי האט זיך צעווירן ווי א ראשטשינע אונטערן איבערבעט, אין אלע זייטן. פון דער זייט די ווארשע־ווינער באן איז שוין אין גאנג, פון דער צווייטער זייט בויט מען די „וואַנגראדער“־באן.

דער רעשט סאסנאווער וואלד, וואס איז געבליבן נאכן אדורכציען דורך אים די ווארשע־ווינער באן, ווערט אונטערגעהאקט און צעזעגט פאר „שוועלן“, פאר בוי־האלץ פאר דער נייער קיעלצער־ליניע, וואס ווערט אדורכגעשניטן מיט גלאַנציקע שינעס דורך זיין זשיוויעצע־רינענדיקן לייב, א צעשניטענער דורך דער פריערדיקער אפעראציע. ער אטעמט נאך קוים מיט די שיטערעביימער. וואס ווייניקער ס׳ווערן די סאסנעס, אלץ מער מערן זיך די מענטשן — הימל און ערד און מענטשן! א געגיי: ווי אויפגעראיעטע מוראשקעס ציען פון צוויי פארשידענע זייטן און צווישן זיי שפאצירן די גרויסע, גלאנציקע כראבאנטשעס, די צעגלאַצטע זשוקעס, און די קליינע, באפליגלטע רויט־צעפינקלטע „משיחלעך“.

הימל און ערד און מענטשן: פון איין זייט קופּצעס, קאצאפעס אין קארא קולענע היטלען, טיפע קאלאשן, פינקלדיקע פאפיעראסלעך, ציגארן אין די קייענדיקע מיילער, מיט פארטפעלן אין די הענט, מיט שטעקעלעך מיט גאלדענע סקיפּקעס אונטערן ארעם — שפּיליטערס, פאדריאטשיקעס, דירעקטארן, קאמיוואיאזשארן. זיי קומען מיט קוראזש, מיט ראזמאך; זיי קומען אן מיט דער גרויסארטיקער סטאציע פון מאסקווע, פון פעטערבורג, פון לאדזש — אפיצירן קלינגען מיט די שפּארן! בענדינער סוחרים קומען אן אין דער ברייטקייט מיט א שטעל, קעמען זיך מיט צוויי פינגער די ברייטע בערד; ביז צו דער

צווייטער פאטשענע אריבער, ארומגערינגלט מיט מעקלערס, די קליינע היטעלעך פארשארצט איבער די שטערנס און מיט דייטשע אגענטן, וואס ווארפן אריין לשון־קודשדיקע ווערטער. און פון דער אנדערער זייט, ווו ס׳ציען זיך נאך שטיקער אויסגעקראכענער וואלד, צווישן די פארקאלטנטע ביימער, זעט מען ארויס די לאנגע צוגן פראכט־וואגאנען. ס׳איז א געגיי פון „זעקל יידן" אין צייגענע כאלאטלעך, יונגעלייט מיט גלאנציקע שטעקעלעך, און פראכנדיקע יידינעס, שלעפנדיק קאשיקעס מיט געשטאפטע גענז — אלץ ציט צו דער מאנדזשעווער גאס! און זי, די גאס, די מאנדזשעווער גאס, ארייננעמענדיק דאס אלץ אין זיך, דעם פינטשעווער קעז, די כענטשינער אייער גאנצע שאקן, די מאנדלען זשארנאווצער אסילקעלעך פוטער, צעוואקסט זיך. אויב נישט אין דער ברייט, איז אין דער הויך —

פיר־פינף שטאקיקע קאמעניצעס מיט גרויסע געשעפטן אין דער טיף, מיט ברייטע וויסטאוועס, אין פראנט — די לעמפּ־צעצונדענע שויפענסטער רייסן די אויגן אויף! קוים מ׳קען זיך אדורכשטופן: אויף די שוועלן רייסט מען קונים אין די געוועלבער אריין. פון די פינסטערע קארידארן ארויס ביט מען אן מציאות און די טאנדייטערס שטייען מיט זייערע סחורות אויף די הענט, אויף די ארעמס. די שוסטערס באהאנגען מיט שטיוול אויף די העלזער, די היטלמאכערס די היטלען אויף די קעפּ — אן אלארם, א געדרענג, עס קאָכט!

די פויערים ארום אין די דערפער, די ארבעטער פון די קאפּאלניעס, פון די הוטעס ווייסן שוין, אז אין „סאסנאוויצא" קויפט מען שפּאט ביליק און פון אלעם גוטן. די שטייגערס, די מעכאניקערס, די מאשיניסטן לוינט אויך שוין נישט צו פארתכלעווען א זונטאג, צו פארן קיין בויטן, קיין קאטאוויץ אריבערצושווארצן א גאלדן זייגערל, אן עלעגאנטן קאסטיום, אז זיי באקומען עס דא אסך ביליקער און ראיעלער אין אזא עלעגאנט־באלויכטענעם שויפענסטער.

און די גאס ווערט אלץ ענגער און געדרענגטער און טונקעלער. ווען נישט די עלעקטריש־באלויכטענע וויסטאוועס, וואלט מען געפאלן איינער איבערן אנדערן.

און ערשט דארטן ביים שלאבאן, ווו די צעגלאנצטע שינעס שניידן אדורך די גאס — סאמע פאר דער נאז פון דער גרויסארטיקער סטאציע, וואס האט הויך אויפגעהויבן איר ברייטן קאפּ — א קאצאפיש־צעגלאנצטער, ארויפצושטעלן אויף אים א פעסעלע סאכאר־מאראזש! סאמע ביים שלאבאן — וואס אלע ווײלע לאזט אים אראפּ א באן־ארבעטער און הויבט ים צוריק אויף און תיכף־ומיד קומט ער ווידער ארויס פון בודקעלע און לאזט אים ווידער אראפּ, לויפן אָן כוואליעס אויף די מענטשן פון אלע זייטן — אן אויפגעשטעלטע סטאוועדלע און ס׳רוישט און ס׳ליארעמט. און פון דער אנדערער זייט — די יאגנדיקע שנעל־צוגן, די קריכנדיקע פראכט־וואגאנען, דאס אראנזשירן פון די דאמפנדיקע, וואסער־טראפנדיקע לאקאמאטיוון־מיל־רעדער.

די פלינקע קאמיוואיאזשארן, די רייכע שפּיליטערס, די שקלאווער סוחרים האבן געשפּילט די גראנדע, זענען געווארן ס׳אויבערשטע פונם שטייסל: א



שול האבן זיי אויסגעבויט מיט א רויט־ציגלנעם פראנט, ווי א סאבאר, להבדיל, מיט א דייטשן טעמפּל אינאיינעם. א מורה־הוראה האבן זיי אראפּגעברענגט א וואלאזשינער „מופלג" מיט סמיכה מיט פארשוירענע פיאות און געקורצטן סורדוט און אויבנאן אוועקגעשטעלט א קאזיאנע־ראבינער, וואס פירט יעדן מאנטאג און דאנערשטאג אפּאר גימנאזיסטלעך אין שול אריין און זינגט מיט זיי „באזשע צאריא כראני".

די חסידים האבן שוין געהאט זייערע שטיבלעך. ביי א נגיד אין שטוב, א ספר־תורה איז דא, אפּאר ספרים האט יעדער איינער מיטגעברענגט. וואס נאך האט מען געברויכט? ס׳האט אריינגעשטעלט א פאס פון הערינג, אויפגעהאנגען א האנטוך, געדאוונט, געלערנט מיט התלהבות, מיט ניגון און געפּראוועט שלוש־סעודותער — ריקדים, הענט און קעפּ אויף אַקסלען פאַרוואָרפן!

ביים געלן שמעון איז שוין אפילו געווען אן אלעקסאנדער שטיבל, ווו מ׳האט געמעגט טראגן א שווארץ־בענדל אין געפּרעסטן קראגן, קאַמגאַרענע הויזן איבער די געפּוצטע שטיוול. מיט זייערע פלינקע פיס פערפלייצן זיי, די אַלעקסאַנדער חסידים, גאַנץ זאַגלעמביע מיט לאַדזשער מאַנעפאַקטור.

ס׳ביסל בעלי־מלאכות, די ארעמע דארף־גייער, וואס האבן „געסמייעט" אריינצוגיין אין שול, האבן זיך דאך „קרעמפּירט" ארויפקוקנדיק צו דער „וואכעדיקער" מזרח־וואנט. נישט איינמאל זענען שיער נישט ארויסגעקומען געשלעגן ביי א „ויצמח פורקניה" . . . האבן זיי זיך צוזאמענגענומען, אַראָפּגעברענגט אויף א שבת דעם וואלבערעמער רבין ר׳ אלטער, פון בענדין איז געקומען ר׳ יודע־לייב סופר, געמאכט אן „התחלת הספר" און צוגעזאגט דעם רבין מיט תקיעת־כף, אז ביים סיום הספר וועלן זיי, דאס פראסטע פאלק, עמך, אויפנעמען זיין איידעם, דעם עילוי ר׳ איציקל, פאר צווייטן מורה־הוראה אין סאסנאוועצ — און זאל זיך „ריסעס" טון! מ׳וועט זיי די קעפּ שפּאלטן די קאצאפּעס מיט די צילינדער־היטן. דעם לייטישן מורה־הוראה האבן זיי אינצווישן ליב באקומען. ר׳ אלטער האט געזאגט ס׳איז א „ייד א תלמיד חכם און א ירא־שמים. ס׳איז טאקע א גרויס רחמנות, נעבעך, אויף אים, דעם ליטוואק, וואס ער איז נישט קיין חסיד, אבער דעם „אייבערשטן זענען ליב און טייער אלע יידן". זיי זענען געגאנגען צו זיינע דרשות, אבער דעם קאזיאנע קארטאוניק האבן זיי געוואלט רק אין דער לעבער אריין טון — דער האבער האט געשטאכן אין האלז! מ׳האט שווער געאַרבעט, געיאָגט די כוחות פון די לייבער, אבער מ׳האט געגעסן א בייגל מיט פוטער און פאַרטרונקן קאַווע מיט סמעטענע.

אלץ האט זיך געבויט שנעל, ס׳רוב טאנדייט. פרנסה איז געווען ביז איבערן קאפּ, מ׳האט געזשאבט. דער קוילן־גרעבער האט לייכט פארדינט א רובל און ער האט אים לייכט אויסגעגעבן — אונטן האט מען געגראבן די שווארצע דימענטן און אויבן האט מען געשארט גאלד אין דער גאס . . . אבער דאס געיעג, דאס וועלן איבעריאגן איינער דעם צווייטן, דאס נישט פארלירן א שאנס, דאס וועלן קומען צו א מעמד, דאס אויפקומען פון די שפּאגל־נייע נגידים: א זייאַנץ, די מירקינס — מ׳יאגט זיך פון די לייבער ארויס! אבער דאס שרייבן

פון דער ספר־תורה האט צולאנג גענומען. ר׳יודע־לייב סופר האט דאס אלטע ספר אויסגעבארגט אויף נאך א יאר און נאך א יאר . . . עמך, דאס פראסטע פאלק האט דאך געוואלט האלטן זייער ווארט, וואס זיי האבן צוגעזאגט זייער הייליקן רבין פון וואָלבעראם מיט א תקיעת־כף.

ר׳לייב ענגלארד פון בענדין, דער יורש פון דער סלאָווקעווער בארימטער נעגל־פאבריק, האט אפגעקויפט אַ העלפט פון אלט־סאסנאָוצע. זיין הויז שטייט נאך מיט איין זייט אין זשיוויעצע־צעשמעקטן וואלד, די נישט ווייטע קאפאלניע־רויכן הענגען דעריבער ווי אן עמוד־הענן בייטאג און ווי אַן עמוד האש וואָלקן ביינאכט און ער דרינען זיצט יומם־ולילה איבער דער אפענער גמרא. תמיד שטייען דארט איין אנדערע געסט, רבנים פון גרויס־פוילן, רביס פון גאליציען, ארץ־ישראל יידן אין קאלירטע כאלאטן — ר׳לייב ענגלאַרד, „דער נשיא פון ר׳מאיר בעל־הנס כוללות" — א שליאכטשיץ ? א פאטריארך ? ניין, א פאטריציער ! עס שמעקט פון אים אראפ נגידיש־חסידיש — תורה וגדולה במקום אחד און די יידן פון הינטערן פשעיאזד האבן דארטן זייער מנין. אליין א באיאנער חסיד, וואס דאס ווארט אליין שמעקט שוין נישט־דאאיק, און ער אליין מיט זיין שטאט, מיט זיינע שטילע באַוועגאגען, מיט זיין אויסגעאיידלטן הדרת־פנים, מיט זיינע געציילטע רייד איז ער נישט אזא „באיאנער רבי" ? . . . הויך, שטאַלטנע, מיט אַ געפלעגטע שלאַנקע באָרד ביז איבערן גאַרטל", יעדעס זיידענע הערל ממש אָפצוציילן.

מלמדים, חדרים, אבער א תלמוד־תורה מ׳זאל עפענען, א בית־מדרש מ׳זאל אויפבויען. ר׳לייב ענגלאנד גיט א טראכט דערפון, אבער אין דעם גאלד־געריש מיט וועמען זאל ער רעדן דערפון ? אַז יעדער איז פאַרטון מיט זיך — דער בעל מלאכה פאַרהאָרעוועט ! און דער שפעקולאַנט ?

די רוסישע קאלאניע זיצט אין זאָטלי פילט זיך שוין היימיש, זיי באהערשן די שטאָט. דעם צאר ווייזט מען א פייג ! די קינדער פארן אלע טאג אין דער פרי קיין קאטאוויץ אין דער גימנאזיע און איידער מען ווערט זיך פארדרייען וועלן זיי זיין דאקטוירים, אינזשיניערן, פראפעסארן. און ביינאכט פארט מען אליין אויך אַהין אין טעאטער, אין דער אפערע אריין — אז מען זיצט דירעקט ביים פענסטער צו אייראפע ! איין שפרונג, און מ׳איז אין ברעסלא !

די בני־שקלאוו, מר מירקין בראש האבן אבער נישט געקענט איינרוען, אברמטשיק, דער בוכהאַלטער מיט דער גאָלדענער פענסנע, האָט נישט געלאָזט אויסנעמען : „למען ציון לא אחשה" ! און זיי האבן אויך אראפגעברענגט א העברעאישן לערער פאר זייערע קינדער. און אז געברענגט איז איינעם אין דער וועלט, ס׳זאל זיין נישט נאר פאר זייערע קינדער, נאר פאר זיי אליין אויך. און זיי האבן געברענגט „א געכאפטן" פון דער וואלאזשינער ישיבה, און דאס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער דיכטער חיים נחמן ביאליק !

צום קבלת־פנים איז אפילו געקומען פון זיין ווילע אויף זיין גומקע, מיטן קאזאק אויף דער קעלניע, גאספאדין ראַכמאַנאָוו.



די גאנצע צייט, וואס מ׳האט דרינען געפראוועט די שמחה, איז דער קאזאק דרויסן געזעסן סמירנא אויפן קאזשיאל מיט דער בייטש אין דער האַנט, ווי מיט אַ פיקע און קינדער ארום זענען געשטאנען גאפנדיקע.

און נאך דעם קבלת־פנים איז גאספאדין ראַכמאַנאָוו מיט „זיין" אראנטשיקן און ביאליק אין דער מיט אנגעפארן אויף דער גומקע פאר ר׳מאטל שוחטס פיר שטאקיקער קאמעניצע אויף דער מאנדזשעווער גאס דעם חשובן אורח איינצוקווארטירן ביי דאבעלען דער שוחטקע.

וואָס אן אמת, ער האָט גענומען דעם „זעמלאק" צו זיך אַהיים אויף טיי מיט וואַרעניע, זיך צו באַווייזן מיט דעם „יעווריעיסקי פושיקין", אבער פאַרבייגעפארן פארן „שוחט־הויז", האָט אים א ברי געטון אין נאָז, ווי עפעס פרעגלדיקס, און ער האָט שמייכלדיק פלינק אַ ווינק געטון אפצושטעלן.

אז די גומקע איז שטיין געבליבן מיט א קנאל פון דער ביציסקע פארן ארייננגאנג צום שוחטס הויז, איז די מאנדזשעווער גאס ראג קאַשטשעלניע שוואַרץ געווארן פון מענטשן. עס איז באלאגערט געווארן : אלע האבן געקענט די גומקע, דעם קאזאק אויפן קאזשיאל מיט די קאלירטע ביציסקע נאשפיץ — גאספאדין ראַכמאַנאָוו, די בארימטע פערזענלעכקייט אינם אויפגעקומענעם סאסנאווצע איז דער קעניג פון די קוילן ! צו זיין ווילע אויפן שעלצער וועג פלעגט מען שבת נאכמיטאג ארויסשפאצירן אויף וואנדוירים ; דורך די באזילדעטע שטאכייטן האט מען אריבערגעקוקט צו זעען דעם לאקיי אין דער זילבערנער ליוורע ווי ער שטייט „נאסמירנא" אויף דער ברייטער מירמלשטיינערנער טרעפ — אז ער זאל זיך א ריר טון, א מיגניע טון מיט אן אויג.

אלע ווילע פארן צו קארעטן, דראשקעס, דירעקטארן, טשינאווניקעס, און אט שטייגט אויס א פאלקאווניק פון זיין בריטשקע, מיט א נאכשלעפנדיקער, קלינגענדיקער שווערד, אזש א פריילעכער ציטער גייט איבערן לייב . . . א קלייניקייט, זיי קומען דאך דאס צו פארן צום גאספאדין ראַכמאַנאָוו, וואס זיצט אויפן ערשטן פלאץ אויף דער מזרח־וואנט אין שול, כאפן א קערטל און זיין נאדיעזשקא שפילט די פיאנא . . .

דער באלאגערנדיקער עולם איצט דא אויף דער מאנדזשעווער גאס האט געוווסט, אז ר׳מאטל שוחט האט צוטריט צו דער ווילע און אז קהל האט געברויכט א טובה אדער טאמער איז עמיצן שוין געלעגן דער חלף אויפן האלז, איז מען געלאפן אין שוחטס הויז אריין . . . מ׳האט אויך געוווסט, אז ווען נישט פריער גאט און דערנאך גאספאדין ראַכמאַנאָוו, וואלט ר׳מאטל נישט געחלומט אפילו פון אזא קאמעניצע . . . אבער אז דער קוילן־קעניג זאל דא אהער גאר פארפארן ? עפעס מוז דא זיין גאר געוואלדיקס . . . אראנטשיקן, „זיין מענטש", האט מען אויך אין שטאט געקענט ! בלויז ווער איז דער דריטער פארשוין, וואס שפרינגט ארויס לאכנדיק און ריידנדיק, עגיל־ואשמחדיק, מיט „טשאפקא־נא־באָקום" אויף זיין קיילעכדיק קאזאצקע פנים ? אבער אז דאס בעל־הביתישע סימן בערדל ארום דער לאכנדיקער, פולער געמבע אין אזא יום־טובדיק פאסיקל ארומגערינגלט ? און די אויגן, די ברענענדיק־חדווהדיקע ? און ווי פירן זיי

דאס אים אין דער מיט, ווי א קעסט־אײדעמל, אן אויפגערופענעם צו חתן־תורה. . .

ר׳מאטל, דערהערנדיק פון דעם פלוצלינגן באזוך, איז די געסט אקעגנגעקומען און זײ ארײנגעפירט נישט דורכן קיך־ארײנגאנג, וואס איז געווען א בית פתוחה לרוחה, ווו די טיר איז א מינוט נישט שטיל געשטאנען, נאר זײ ארײנגעפירט דורכן גערטל אין דער הינטערשטער סאלע, ווו א גמרא איז נאך געלעגן אויפן טיש, אן אפענע, א ווארעמע, אקארשט צוגעדעקט מיט א פאטשײלע. . .

ביאליק, דערזעענדיק די אפענע, צעלערנטע ש״ס־גמרא אין פײנעם לעדער א געבונדענע, א גאלד־געלײשטע, און די שאנק ספרים בײ דער וואנט, שטאלץ ארײנגעשטעלט צווישן דעם פײנעם מעבל, איז אים ווארעם געווארן ארום הארץ — ער איז געווען אינדערהײם! ער האט מער נישט געזעען ראַכמאַנאָוון, ארענדאטשיקן — דער גאנצער הארמידער פון הײנטיקן טאג איז פארשוונדן! — פאר זײנע אויגן איז געלעגן די אפענע גמרא חולין — „סוגיא דרוב״! און דער גאנצער קאפ האט זיך אים געגעבן א דרײ, ווי פון א בליץ —

ער האט דערזעען דאס שײבן־שענקל מיטן זילבער, מיטן קונציקן חנוכה־לעמפל, מיטן טורעמדיקן בשמים־קיבסל, מיט די גרויסע בײכיקע לײכטער — אויפן פוילישן שניט און יידישלעך געהעמערט, און ער האט אויסגערופן: „יידן, איר האט דאך מיר ארײנגעפירט אין א גן־עדן! א ברכה אויף אײערע קעפ!״

ראַכמאַנאָוון האט עס הנאה געטון וואס זײן אײנפאל איז געווען א ריכטיקער ער האט דעם גאסט ארײנגעפירט אויפן געהעריקן פלאץ. מיט א ברײטן רוסישן שמײכל, אָבער יידישלעך ווארעם האט ער ביאליקן ארומגענומען: „אז איר וועט ערשט טועם זײן די יידישע מאכלים דא, וועט איר שפירן דעם טעם פון שור־הבר און לויתן אינאײנעם״.

דאבעלע האט זיך אזוי שנעל נישט באוויזן. זי האט, חלילה, נישט געמאכט קײן „טואלעט״ — זי איז שוין געווען א מאמע פון זיבן קינדערלעך, אײנס נאכן אנדערן, ווי די שטיגן און דער שלאַנקער, שלום מאיר דאס בר־מצווה בחורל, איז שוין געווען מיט א קאפ העכער פון איר — זי האט די גאנצע סטאדע, ווי זי האט זײ גערופן, געלאזן אויף די הענט פון די משרתים און זיך שנעל גענומען צוגרײטן די מטעמים, וואס ראַכמאַנאָוו האט זיך מיט זײ אזוי פאסמאקעוועט דעמאלט אין יענע האניק־חדשים, ווער האט געהאקט דא דעם זשיוויעצע רינענדיקן סאסנע־וואלד, אזש די סלינע איז גערונען איבער די פיסקעס. . .

דער ריח־נחוח איז שוין געגאנגען פארויס. ראַכמאַנאָוו האט שוין געשמעקט און ארענדאטשיק האט אים הנאהדיק צוגעוואונקען. אבער וואונדער איבער וואונדער, ביאליק האט אויך שוין גענומען יידישלעך סמארען מיט דער נאז און לעקן מיט דער צונג די אויבערשטע ליפ, אן אויסגעשוירענע מיט א קאַצאַפּש וואנסעלע, און שוין — שטײט זי שוין דאבעלע א צעפלאמטע, א פוכלע־באוועגלעכע, א צעשטראלטע מיט דער פײערפאן אין טיר — אזש א פארע גײט



און מ׳ווײסט נישט צי גײט עס פון איר קײלעכדיק, צעהיצט פנים צי פונם „פאן־קוכן״, א ברײטלעך־אויסגעפרעגלטן, וואס זי שטעלט אים ארויף אויפן טיש, ווי א מנחה אויפן מזבח ס׳זאל אנגענומען ווערן.

ר׳מאטל שוחט האט שוין געהאלטן אינמיטן ענין און צוגעשמײכלט מסינותדיק: „א טובה טון? איך אײך? ס׳איז נישטא ווער ס׳זאל לאכן . . .״ און דאבעלע, נאכן גאשטשען זיך, האט זיך אויך נישט געלאזט: „וואס הײסט, פאניע ראַכמאַנאָווסקי, (אין איר פראקטישן זין האט עס אויסגעזעען פארנמער) איר וועט מיר גוט באצאלן? עס קומט נאך אונז ארויסצוצאלן נאך דעם גוטס וואס איר . . .״

„מאדאם צווײגנהאפטיק״, האט ער זי איבערגעריסן, „ווײסט איר ווער דער יונגערמאן איז דא? דאס איז דער העבראַישער דיכטער״.

„דיכטער־שמיכטער, מ׳זעט דען נישט, אז די שכינה לײכט אים פונם פנים אראפ? די מצווה קומט מיר אין שטוב ארײן און איר מיט צאָלן״ . . .

ביאליק האט שוין נישט מער געקענט אויסהאלטן. דאס הארץ איז אים איבערגעגאנגען פון ליבשאפט צו די אלע גוטע מענטשן, וואס האבן אים ארומגערינגלט א גאנצן טאג, און דא האט מען אים נאך ארײנגעפירט אין אזא גן־עדן. דאָס מויל נעמט אים סלינען, דערזעענדיק דאס שײנ בחורל מיט דעם שווארצן, זײדענעם בענדל אין ווײסן געפרעסטן קראגן שטײין אין דער טיר מיט די גאפל־מעסער, נישט וואגנדיק פון גרויס דרך־ארץ די שוועל אריבערצוטרעטן, איז ער צוגעלאפן צו דער טיר, ארומגעכאפט דאס בחורל מיט די אויפגעריסענע, גרויסע אויגן: „הכלל, אי דער וואלף וועט זײן זאט אי דאס שעפּעלע גאנץ. איך וועל אים געבן יעדן טאג א פרײע שעה, און דער שכר ביטול . . .״ אלע זענען שטיל געווארן. ר׳מאטל איז נשתנה צורה געווארן. די קלוגע דאבעלע האט געפאסט די סיטואציע: „מיר רײדן און רײדן און ס׳באבעלע שטײט אויפן טיש! מאטל, נעם דאך ארויס דעם כרמל־ווײן, און איך וועל ארײנגײן מאכן א גלעזל טײ מיט ציטרין״.

ביאליק, דערזעענדיק דאס בײכיקע פלעשל מיט די צוויי יידן, וואס טראגן א הענגל ווײנטרויבן, האט אויפגעריסן א פאר פרײלעך־פארחידושטע אויגן. ארויפשטעלנדיק די גאלדענע בעכערלעך אויפן טיש, האט ר׳מאטל שטיל געזאגט: „מיר זענען טשאכעטשעווער חסידים״.

אט די צוויי שטילע ווערטער „טשאכאטשאוו״ און „חסידים״ האבן, ווי א שאס פון א הארמאט מיטן עכא וואס באגלײט אים, ביאליקן גענומען רוישן אין די אויערן; קלינגען אינם מוח. און ער האט אנגעהויבן צו שיטן מיט מאמרי חז״ל, מיט חסידישע ווערטלעך, מיט שטיקער חקירה, מיט בליציקע אײנפאלן; און די פריש־געסמאזשעטע באבעלעך, וואס דאבעלע האט ארײנגעשיקט אהער דא מיט דעם קינד, דאס מיט דעם קינד, די פיאהלעך שוין מיט א גלעט פארדרײט, די צעפלעך מיט א רויט בענדעלע פארפלאכטן, האבן אלץ נישט געקאנט נאסטאיען און די „אויפלאגעס״, „נאכן געסט נאך״, זענען זײ געווארן אלץ באטעמטער און געשמאקער: „וואס מײנט איר, מיר וואלאזשינער ווײסן נישט

וועגן ס'איז דער עגלי־טל ?"

מאטל האט געשטראלט, און דאס ביסל כרמל־ווין האט אויך זיינס געטון. דאס שיינע מאדאנע־מיידעלע מיט די פאררויטלטע בעקעלעך, רויטער נאך ווי די זיידענע בענדלעך אין די לאקיק־צעגלאנצטע שווארצע צעפּ, שטיין בלייבנדיק פארגאפט ביים טיש מיט אַ פרישן טעלער פארברוינטע באבעלעך־לאטקעס, קוקנדיק מיט אירע גרויסע פלוימען־אויגן אויפן כוואליעדיק־צערויטלטן, ריידנדיקן ביאליק, האט עס דעם דיכטער אזוי צענומען, אז ער האט איר א קניפּל געמוזט געבן אין בעקל אריין: „מיר פאר דיינע כשרע אויגעלעך!"

ווען די געסט זענען מיטן אורח אפגעפארן אין האטעל אריין און אלץ איז דערליידיקט געווארן „על צד היותר טוב" פאר אלע צדדים, האט ר' מאטל געוואלט „פארטייטשן" זיין ווייב — ווי אַ מאָל א שטיקל „כלי־יקר", איר פאָטער, הערש לייך לעכטציער, — וואס מיינט עס א דיכטער, א פייטן. און דאבעלע, איז געזעסן אקייגן אים, די פוכלע, שוין אביסל צופיל אויסגעגלאַנצטע הענטלעך אויפן טיש, א מידע, אבער מיט דער ליבשאפט ווי אין יענעם האניק־חודש־אוונט, ווען ר'קלמן בדחן איז ביי זיי געזעסן און מיטן שפּיץ צונג געוואלט כאפּן דעם טעם, געיאגט זיך, געיאגט זיך אין דעם געשמאקן ווידעסלאווער ערפּל־פלאץ, מיט נאך א גלעזל כסדר אלץ באגאסן ביז ער האט זיך פארדבקהט צעזונגען: „בונם, בונם, ווו ביסטו אהינגעקומען" . . .

* * *

ארום פיר יאר האט ביאליק געוווינט אין סאסנאווצע, און זיין קוילן־מסחר שפּעטער אין אדעס איז געווען ראַכמאַנאָווס מתנה ביים גזעגענען זיך, כדי אים נישט אוועקצולאזן א נישט־פארזיכערטן.

און נאך אין יאר 1923, אין זיין גלות־דייטשלאנד, ארומפארנדיק ווי א „משולח" פאר זיין העברעאישן פארלאג, זיצנדיק מיט אפּאר שקלאווער יידן אין א לייפּציקער האטעל, האט ער זיך גארנישט געקענט אפּלויבן פון די סאסנאווצער יידן און די געשמאקע מאכלים, וואס ער האט דארטן געגעסן. „מ'האט דאך מיך ממש געקארמעט ווי א פסחדיקע שטאפּ־גאנז" — האט ער געהאט א פול מויל מיט זאפטיקע רייד. „און ווייסט איר, די פאניענקעס דארט, די יידישע מיידלעך, מ'האט דאך אויף זיי נישט געזעען קיין סימן גלות; ממש ווי לעבעדיקע פסוקים פון שיר־השירים".

אבער אסך מער נאך זענען אים געבליבן — און דעם יידישן פאלק! — פון יענע פיר יאר: צוויי פעסט־געטעסעטע סאסנע־סטעמפּעס, זיך קענען אָן פּחד אראפּלאזן אלץ טיפער און טיפער אין די מעמקים־שאכטעס פון יידישע טונקעלע געפילן און „צער און דאָרן" ברענענדיקע התלהבות — דעס „המתמיד" און „אריה בעל־גוף".

און בשעת די בוי אונטערנעמער, די פּאָדרייטשיקעס, די שפּעקולאַנטן האבן אויבן די זשיוויעצעוועלדער אויסגעהאקט און די קוילן־מאגנאטן געלי־ווערט אין טיף־רוסיי טראנספּארטן, גאנצע צוגן, מיט די גלאנציקע זאגלעמביער קוילן, האט דער העברעאישער לערער, דער לשון־קודשדיקער גרויסער פּאעט,



ראטעווענדיק זיך אין זיין לאנג־ווייליקייט, וואגלענדיק פון איין שטיבל אין אנדערן, אויסגעגאסן זיין יידישלעך הארץ אין א „שעה פון רחמים", רוענדיק צווישן א לעצטן מנין סאסנע־ביימער, ווו קינדער האבן זיך געשפּילט: „אונטער די גרינינקע ביימעלעך שפּילן זיך משהלעך שלמהלעך" — — —

(צווייטער טייל אין קומענדיקן נומער)

## ווינטער־וואריאציעס

ווי פאַרטיפט די פאַלטן אין אַ גרייז־אַלטן שטערן טונקל געצויגן,
פאַרטייעטער נאָך די רענדער אונטער אייז־גליווער פון יונגע אויגן —
פאַרציקט־געצוק קריצט זיך קראָ־גזאַנג אין צעקרומטע שורות איין,
די נקודות, דעם טראָפּ — אייז צאַפּנס טראָפּן אויס פאַרגליווערט געוויין.

בלויז ס'גלעטן זיך טיפע פאַלטן פאַריונגטע צוריק אויס, גלאַנציק־ריין
און טונקל־גרויע רענדער בלויען טוי־פאַרטרויט אויף — אַ רעגנבויגן.

1

אין פולן שייער אַריין צו בועזן,
קומט א רות זיך לייגן צו־פוסן.
אין קאַלטער שטוב מיט אייז בלומען אויף שויבן,
אפשר קומען העלפן אונטער הוסן ?

פאַר אַ מלך דוד אַלט שוין און קאַלט שוין,
אַ שונמית ס'וועט זיך שוין געפינען.
דעם זינגער אין די צעריסענע שטיוול
ווי אַריין — טוט ס'וואַסער אַרויסרינען.

בלויז אין חלום באַווייזט זיך זיין בת־מלכה,
אין קריסטאַל־שלאָס שלאָפט זי איינגעשלאָסן,
די אייז־בלומען וואַקסן אַלץ גרעסער, און ער —
קורטשעט זיך אין אַנגסט־שווייס אָפּגעגאָסן.

2

די מאַנדאָלין אין פראָסט געפּלאַצט,
און הייזעריק כאָרכלט דער האַלדז,
מאַסקע טויט, מיט אַ רעוורענץ,
לאַדט שטיל איין שוין צו לעצטן וואַלץ.

שאַרט זיך קוים צו איר פענסטער,
מאָרגן וועט זי נאָך זען די טריט;
וואָס שוין דער גרויסער אונטערשיד,
צי זי זיי דערקענען צי ניט —

אַז מאַכן שניי־מענטשן אין שניי,
נישט אַרויסקומען סיי ווי סיי — — —

מיט שטייפע פינגער סערענאַד
שרייבט ער אין צעגייעדיק שניי.

3

אַצינד ווען מיינע ליפּן מורמלען שוין וידוי,
צי קאָנען זיי נאָך דען, חלילה, אָפּנאַרן ?
זאָל דאָך דיין אָטעם וואַרעם מיך אַרומנעמען,
איידער נאָך די ערד קאַלט מיך פאַרשאַרן.

אפשר כאַפּן זיך מענשלעך אַרויס פאַלשע רייד,
געטלעכן אמת האַרציק צו דערזאָגן,
וויפיל נאַרישע ווערטער וועסט דו געברויכן,
דעמלט ווען א טויטן שוין מיך באַקלאָגן ?

גאָר א גרויסער ליגן געווען וואָלטן ביידע,
ווען מען קאָן זיי מיט ווערטער קלאָר דערקלערן — —
זע, איצט נאָך, ווען די ליפּן שעפּטשען שוין וידוי,
באָדן זיך נאָך די אויגן אין לידער־טרערן.

4

אן וואַכן חלום, פוך־ווייך, ווי ליד־געוויג,
וויסט־ווייסע ווינטער־נאַכט וויאַזוי אויסהאַלטן ?
אַז ביים קינד, אין מאַמעס וואַרעמע שויס שוין,
ערשט ביים שלאָפלאָז־, קני־ציטערנדיקן אַלטן.

עס קניפּט זיך אַ לאַנג־פאַרקנוילטע פינסטערניש,
שפּין־פּאָדים איבער טונקל־ווינקל פאַרצויגן ;
עס צאַפּלט דאָס האַרץ, עס רייסט זיך מיט לעבן,
פון לעצטן טראָפּן שוין עס ווערט אויסגעזויגן.

אָן וואַכן חלום, פוך־ווייך, ווי ליד־געוויג,
לבנה וויספּע, אן ווינק פון בלישטש־ווייטע שטערן — —
די אויגן־לעכער, פאַרשטאַרט־איינגעפרוירן,
צוויי קוואַלן אין ווינטער, אייז־פאַרגליווערט ווערן.

5

נישט כ׳וואַרף מיך אין שלאָף, נישט אין אַ בעט איך ליג —
אַ געפאַלענער אין אַ שלאַכט, אויסגעצויגן !
פאַרן פענסטער פאַלט דער שיטנדיקער שניי,
לעצטער שווערער שלייער, קאַלט פאַר מיינע אויגן.

סובות־פּעדים זיינען ווייס און רייסן זיך,
בלויז די קאָלירן וואָס וועבן זיך, די פאַרבן — —
נאָר אַזוינס וווּנדערלעכס קאָן מען קוים זען,
אין די לעצטע מינוטן שוין, פאַרן שטאַרבן —



עס וועבט זיך אַ חלום, פינסטער־פינקלדיק,
א שוועבנדיקע־דיוויאַן־ווונדער־געשיכטע,
איך אין מיטן, דער פאַרוונדערטער ריטער,
ליג אַ פאַרכלינערטער „כלעבע די געדיכטע“.

6

ווי מיינע חלומות צעריסענע נעכט,
וואָס ציען זיך אָן שום צוזאַמענהאַנג,
א שיפל זיך וואַרפנדיק אין א וועבשטול,
אַ שלאָף־לאָזער אין מיין בעט שעהן־לאַנג.

אזוי בלייב איך אין מיטן טאָג מיטן גאַס,
איבערגעריסן אין מיטן מיין גאַנג ;
פאַר מיין טיר כ׳בלייב שטיין מיטן שליסל אין האַנד,
דערקען נישט צו מיין שטוב דעם אַריינגאַנג.

אז ווער ווייסט וויפיל דורות שוין, פאַרשפּילטע,
ס׳וואַרפט מיך ווער לבניש — אַ בומעראַנג !
אייזיק־פאַרגליווערטער לעכערדיק אויפגעסילעט — —
אַ שנירל טרערן צערינט מיין געזאַנג.

7

דעמלט פירנדיק דיך ביי דיין הענטל,
האָט געציטערט אין מיין האַנט דיין גאַנץ לעבן,
אזוי געציטערט אַצינד מיינס אינגאַנצן,
אין דיין האַנט מיין ערשטן קוש דיר געגעבן.

האָסט עס מסתם שוין פאָרגעפילט דעמלט,
ווען אַ קינד אין מיין אָרעם דיך געהאַלטן ;
ווי יאָמערלעך דו האָסט אויפגעשריגן,
פאַרשעמט דיין קעפל אין מיין האַרץ באַהאַלטן.

מיינסט אפשר, אז איך אַצינד א סך גרעסער
ווי דו דעמלט אַ קינד נאָך געווען ?
און מיין אויפגעשריי, ווען נישט אויף דיין האַרץ,
טיף פון מיין ליד אַרויס אַצינד צו לעזן.

8

אַז ס׳זאָל שוין די סאָסנע אַ גרויס גליק גאָר טרעפן,
וועט מען זי אויסהאַקן און צעזעגן אויף ברעטער,
אַ שטאָל פון איר בויען, אַ דאַך מיט איר באַדעקן
אַן ארון פון איר מאַכן, נאָך איר טויט — שפּעטער.

אויב נישט, מישטיינסגעזאָגט, וואָס וועט פון איר ווערן,
נישט־דערזעענע אין אַ וואַלד — שימל און פוילן,
ס׳וועט דאָך פון איר אַפילו נישט איבערבלייבן,
ס׳ביסל אַש וואָס בלייבט נאָך אויסגעברענטע קוילן.

בלויז דאָס בריאָזקעלע אַליין וואָס שטייט אין דער זון,
אין זומער אַ שוועבל געפינטל שוץ אין זיין שאָטן,
און אין ווינטער אַ קראָ אויף נאַקעטן צווייגל,
ציטערט — פאַר פרייד: וואָסער קראָ־געזאַנג איר געראָטן.

9

מיינע ליפּן צענעמען זיך, זאַפּטיקע,
פון אַ בליט אויפגעגאַנגענע צוויי בלעטער;
בין איך עס, אָדער גאָר אַן אַנדערער?
איך הער מיך גוט צו, בלויז צו וועמען רעדט ער?

חלום איך עס? איז עס טאַקע אויף דער וואָר?
רופט ווער פון יענע וועלט אפשר מיין נאָמען?
אין מיין האַרץ וועקט זיך אַזאַ זיסער ציטער,
אונטער שניי־דעק אויסגעזייעטער זאָמען.

פאַרהוילן וואָרצלען פאַרשוויגענע ווערטער,
אָבער כ׳שפּיר דאָך געניי אַזוי איר קולכל,
אַ באַטעמטער חלום זיסט מיינע ליפּן —
איר מיין זשגאַיענדיק מויל ציטערט איר מוילכל.

10

דאָס גאָלד געפלימער אין די האָר פון דיין מאַמען,
און ווי געלויטערט בלישטשעט אצינד אין דיין בליק;
געהעמערט און געדינט ווי ציטערדיק עס קלינגט,
פאַרחלומט איך גיי איבער שוועבנדיקער בריק.

און די שווימענדיקע לבנה איבער מיר —
כ׳וואַליעט גאָלד־צעפלאַסענער הינטער מיר מיין קאָפּ!
קיין וואָרט נישט פון מויל, מיט מינדסט פינגער קיין באַריר,
איין רגע כ׳וואַך אויף און פון דער בריק כ׳פאַל אַראָפּ.

פאַראויס דיין מאַמע מיט איר גין־גאָלדענעם שיין,
און דיין בליק הינטער מיר מיט זיין לויטער געשוועב,
וואַקלט חלום־בריק, כ׳וואַליעט וואַסערדיקע וואָר,
כ׳וואַנדל ווייטער און ווייס נישט, כ׳בין טויט שוין, צי כ׳לעב.

11

דאָס גאָלד־גלאַנץ געבלאַסק פון דיין מאַמעס האָר,
האָב איך טיף־אָטעמדיק שטיל אין מיר איינגעזויגן;



מיין יעדער האַרץ־באַוועג באַרואיקט ווערט,
אין די קלוגקייט פון דיינע שווייגנדיקע אויגן.

אַ קאָפּ קאָן צופאַלן צו אַ צווייטן,
צונויפגעמישט די באַרוישטע מחשבות ווערן;
אָבער אַ האַרץ ביז גאַנץ באַרואיקט ס׳ווערט,
מוז עס נישט אפשר פריער צו שלאָגן אויפהערן?

דעמלט, אַ חלום־ליד מיך איינגעוויגט,
דער גאָלד־גלאַנץ געבלאַסק פון האָר־געררוך אויפגעגאַנגען;
פאַרוואָר: אין דיין קאָר־קלוגן בליק שווימט —
ווייס־שווייגנדיקער שוואַן, שוימענדיק טרוים־געזאַנגען.

12

אויב נישט חלום אין וואָר אויסגעוויטיקטן,
וו לעבן און טויט אין אייביקן באַגעגנען,
ווען יאדרע ס׳ברעכט אויף, וווּנדערלעך און ווונדיק,
איי־טער־אויסגעווייקט אין שניי און אין רעגן.

צווייגל ווייס־צעוויקלט, ווי עטער־געשוועב,
וויג־ליד־נאָטן פאַר פייגל־מאַמע צו ליינען,
ראָזינקעס מיט מאַנדלען פליט זי ווי האַנדלען,
איר וויינענדיק שוואַך עופלע צו ענטוויינען.

אַ בוקאָווע בוים אין זון, אין פרילינג־ווינט —
אַ צעבלעטערט בוך גאָלד־געליישט איינגעבונדן;
צוויט־געוויי ווי צווישן קאָרע־געוויקל,
אין הייליקן וויי פון היילנדיקע ווונדן.

13

אונטער פערענעס ווייסן שניי, ווען ערד פאַרשווייסט,
וואַרעם אַרויסגעשמעקט אַ ווייב פון בעטגעוואַנט,
ניוכנדיק איר הייסן אָטעם איינגעזויגן,
היציק, פונקן־שפּריציק, געריבן האַנט אין האַנט.

איידער נאָך דער פאַרנדיקער שניי צעגאַנגען,
אין אַקער קאָבילע אין כאָמאָנט איינגעשפּאַנט,
דעפּלאָשעטע טשופּרינע פאָראויס, אַ זשריבעק,
וויוגע לעבן הירזשענדיק אַקייגנגעשפּאַנט.

אַצינד ליגט זי מאַמע ערד אַצוגעדעקטע,
ביז איבער קאָפּ געהילט אין תכריכים־געוואַנט,
שמעלצנדיק טויטן־ליכט שטייט אין פענסטער די זון,
כאָטש זעץ זיך צופוסנס מיט תהילימל אין האַנט.

## א טריפטוך

„מוציא אני את האשה״ . . . — משלי

עפנט זיך דאָס טירל צום לעבן,
אָדער שטייט דער קבר אָפן שוין ?
אפנים, ווילאַנג כ׳זינג נאָך מיין ליד,
בין איך דיר דער שענסטער מאַנספאַרשוין.

1

עס צעטיילט זיך מיין לייב מיט צווייטן אים צו טיילן,
צום זאַפטיקן פליישיקן קערן צוצוקומען,
פון אַלע הויטן און געביין אַרייסצושיילן,
מיט אָרעם — מוציא־מעסערדיק אַרומגענומען,
עלפנביינערן ביז שפיץ־נעגעלע אויסצושיילן״.

בלויז צי קענען צוויי סופן איין אָנהויב בעגינען,
צוויי טויטן צו פאַרשפילן — איין לעבן געווינען ?

2

— כ׳ווייס, ווונדערלעך פרילינג־זון ביים פאַרזיי — געשיינט האָט,
שפעדיק געגאַנגען פרי־און שפעט־זומער רעגן ;
לאַנג נאָך זשניווע־שניט שוין, געדראָשן, געווינדשאָוולט,
פון די אַלע סנאָפעס פולע דראַבינע־וועגן,
צום בענטשן קוים כזית־רעפטל נאָך געבליבן —
איז דאָך מוציא־מעסער אונטער טישטוך שוין געלעגן !
— כ׳האָב דאָך געזען, אז געקומען נאָכן מאָלצייט כ׳בין,
טאָ וואָס קוקסט צו דערשראָקן אזוי, טויט־פאַרלעגן ?
צי אפשר שוין, צומאָל־גאָר, נאָך מיים־אחרונים ?
נו, נו, אינו מפסיק, כ׳וועל דיך גאָרנישט פרעגן — —
כ׳וויל דיר נאָר זאָגן : ווייס, מ׳קאָן מיט געצייטיקן לייב —
מיט לאָבן־ברויט, קראַנק־פאַרהונגערט האַרץ קאָרמען און פלעגן.

3

דער שרעק פאַרן טויט כסדר שוין פאַר די אויגן,
בלויז דער פחד פאַר לעבן ער ווערט נאָך אַלץ גרעסער ;
אַקייגן טויט מ׳גייט הכנעהדיק, טיף געבויגן,
קייגן לעבן רציחיש־שטאָלץ מיטן מוציא־מעסער —
מינדסט ברויטל, קליינסט קרישקעלע אויף לויטל געוויגן !

ווי מיין מאַמעס לייב מיך אויסגעטראָגן צום לעבן,
לייב פון דער ערד מאַמעדיק וועסט מיך איבערגעבן.

* * *

ווי מיין מאַמע, דעמלט, אין אירע ווייען,
אויף בראָך־שטול, ווען זי מיך געבוירן האָט,
אַזוי דו, ווען די ערשטע לאָפּאַטע ערד,
אויף מיין ארון וועט זיך געבן אַ צעשאָט — —



## סאנעט

איז דאָס לעבן דער חלום, דער טויט די וואָר ?
מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט ציטערציקע הענט,
מען דערטאפּט זיך בלינד ביי די קאַלטע, גלאַטע ווענט,
דערגאַנגען לעצטן שטאַפּל, און דאָס איז גאָר.

וואַרף מיר דאָך צו, ווי בלומען, בליקן אַ פּאָר,
איידער נאָך דער חלום, דער קאָשמאַר איז צו ענד ;
עס איז דאָך דער פתרון אין דעם באַשייד געווענט,
אין דיין קאַלט־קלוגן בליק כ׳זע אים אַזוי קלאָר.

שפּירסט דו נישט דעם ציטער פון מיינע ליפּן ?
ביזט דאָך די לעצטע ריפּ פון מיינע ריפּן,
זע, איך בין גרייט מיטן האַרץ זי אויסצושניידן —

זע, דו ווערסט געשטאַלט, ווערסט חלום, ווערסט קאָשמאר,
און איך — אויף בלינדע וואַנט שאָטן אין געשאַר — — —
ווער וועט דעם פתרון פון לעבן מיר באשיידן ?

## יעקב ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### דער נס אין דער נאמען פון חנוכה — המשך —

מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען אז זיי האבן דעמאלט אנגעצינדן ליכטלעך צו דערמאנען די געשעעניש אדער דעם נס פון נצחון איבער די יוונים, וואס איז געקומען אומפארהאפט דורכן אונטערצינדן דעם יוונישן לאגער, און האט געפירט צו דעם יום טוב פון אכט טעג חנוכת המזבח אין באפרייטן בית המקדש. מען דארף, אבער, דערקלערן — פארוואס זיי האבן איינגעפירט אנצוצינדן ליכטלעך — „והדליקו נרות בחצרות קדשך״ — ניט אנצוצינדן פייערס אין די גאסן, כדי צו סימבאליזירן דעם ברענענדיקן לאגער? דער מאטיוו דערפאר איז מסתמא געווען, וואס די חנוכה טעג זענען סוף חדש כסליו — אנפאנג חדש טבת, און אזוי ווי דער נצחון איבער די יוונים האט פאסירט אין דער צייט פון „משיאין משואות״: ווען אין אוונט פון דרייסיקסטן טאג האט מען מיט אנגעצינדענע פייערס סיגנאלירט פון ירושלים צו די יידישע ישובים אומעטום אז היינט איז געווען ראש חדש, (ראש השנה כ״ב) האט מען איינגעפירט אנצוצינדן ליכטלעך לכבוד חנוכה, ניט קיין פייערס, כדי די יידישע ישובים זאלן ניט אננעמען די ראש חדש פייערס פאר חנוכה פייערס און מאכן טעותים וועגן די צאל טעג פון חדש. אויך פון די דינים פאר די חנוכה ליכטלעך איז דייטלעך צו זען, אז זיי סימבאליזירן דאס אנגעצינדענע פייער פון יוונישן לאגער. די חנוכה לאמפ מוז מען אנהענגען אויף דער טיר פון דרויסן, ווייל דער יוונישער לאגער האט געברענט אונטערן פרייען הימעל. מיט דעם ליכט פון די חנוכה ליכטלעך האבן מיר קיין רעכט ניט צו באדינען זיך, ווייל דער יוונישער לאגער האט ניט געברענט כדי עס זאל זיין ליכטיק. און אויב

א ליכטל פון די חנוכה ליכטלעך גייט־אויס מוז מען עס ניט צוריק אנצינדן ווייל דער נס איז געווען וואס יהודה המכבי מיט זיינע פארטיזאנען זענען בכח געווען אונטער צו צינדן דעם יווניש לאגער.

ווי עס ווייזט זיך ארויס פון דעם „והדליקו נרות בחצרות קדשך“, אין דער לויב תפלה „בימי מתתיהו“, זענען אין אנפאנג די צאל ליכטלעך אנצוצינדן אין חנוכה ניט געווען באגרעניצט, מען האט אילומינירט די הויפן און גאסן מיט א סך ליכטלעך. ערשט ארום הונדערט און צוואנציק יאר שפעטער, נאכן פארפאסן פון ספר חשמונאים דורך די זקני בית שמאי און בית הלל, (הלכות גדולות הלכות סופרים) ווען די פרטים, אז דער בית־דין פון יהודה המכבי האט באפוילן צו פראווען חנוכה אכט טעג אין אנדענקן פון חנוכת המזבח, זענען באקאנט געווארן, און משמעותדיק דערפאר וואס מען האט נאר אנגעצינדן ליכטלעך איין טאג אדער עטלעכע טעג, איז אנטשטאנען א חילוקי דעות וועגן מתקן זיין א סדר פון אנצינדן די חנוכה ליכטלעך אכט טעג. די בית שמאי וואס האלטן ביי שבת און יום טוב אז דער טאג פון דער געשעעניש דארף צוערשט דערמאנט ווערן, ווייל ער איז דער עיקר, האבן געפסקנט „פוחת והולך“ — דעם ערשטן טאג חנוכה זאל מען אנצינדן אכט ליכטלעך און יעדן טאג איינס מינדער, אזוי ווי מען איז מקריב די „פרי החג“: די אקסן אין סוכות — יעדן טאג איינעם מינדער, (במדבר כ"ט) כדי צו דערמאנען אז דער נס פון חנוכה האט פאסירט האלב חדש תשרי — אין סוכות. און די בית הלל וואס האלטן ביי שבת און יום טוב אז די געשעעניש דארף צוערשט דערמאנט ווערן, ווייל זי איז דער עיקר, האבן געפסקנט — „מוסיף והולך“ — דעם ערשטן טאג זאל מען אנצינדן איין ליכטל און יעדן טאג פארמערן די צאל מיט איינס ביז אכט, ווייל די ליכטלעך דערמאנען דעם נס פון צעברענטן פייער וואס האט געפירט צום חנוכת המזבח: די איינהייליקונג פון מזבח, זענען זיי הייליק און „מעלין בקדש ולא מורידין“: הייליקייט דארף מען פארהעכערן ניט פארנידעריקן. (שבת כ"א, זעט אויך ברכות נ"א, „בית שמאי אומרים מברך על היום ואח"כ על היין ובית הלל אומרים מברך על היין ואח"כ על היום“...) די הלכה איז געבליבן אזוי ווי די בית הלל — „מוסיף והולך“: דעם ערשטן טאג צינדט מען איין ליכטל אין יעדן טאג פארמערט מען די צאל מיט איינס, ווייל — „מעלין בקדש ולא מורידין“: די לעכטלעך זענען הייליק, זיי דערמאנען דעם נס, וואס האט געפירט צו דעם חנוכת המזבח: די איינהייליקונג פון מזבח.

אבער די אבסאלוטע היסטארישע און הלכהשע באווייזן אז דער נאמען חנוכה, ווי אויך די אכט טעג פייערונג זענען א דערמאנונג אין חנוכת המזבח און די חנוכה ליכטלעך סימבאליזירן דעם נס פון אונטערצינדן דעם יווניש לאגער וואס האט געפירט צו דער פייערונג פון חנוכת המזבח, ווייל נאך ניט זאגן, אז די מעשה אין דער ברייתא אדער גמרא איז פון אנפאנג ביז איר סוף אן אויסגעטראכטע, א לעגענדע . . . דער היסטארישער אמת איז משמעותדיק געווען, אז די כהנים האבן טאקי דעמאלט נאר געפינען איין קריגעל ריינעם אייל מיט דער חתימה פון כהן גדול, וואס איז בלויז גענוג געווען צו ברענען



אין דער מנורה איין טאג און האט געברענט אכט טעג, מחמת די כהנים האבן געהאט א סיסטעם צו קאנטראלירן די זויגקראפט פון די פלעמלעך, זיי זאלן ארויסציען א באשטימטע קוואנטיטעט אייל אין משך פון דער נאכט, וואס דער המון עם האט ניט געוווסט און דערפאר געגלויבט אז עס איז געשען א נס. מען דארף וויסן אז לויט די תלמודים האבן די כהנים יעדן טאג אריינגעגאסן אין די זיבן רערלעך פון דער מנורה דריי מיט א האלבן לוג אייל, און כדי די פלעמלעך זאלן פארצערן דעם גאנצן אייל אין די קורצע זומער נעכט ווי אין די לאנגע ווינטער נעכט, איז איינער פון זיי געווען אן עקספערט ביי צופאסן די קנויטן צו די לענג פון די נעכט — „בן בבי על הפקיע שהיה מזייג את הפתילות“: בן בבי איז געווען איבערן פלעכטן, וואס האט צוגעפאסט די קנויטן, (ירושלמי יומא פ"ב ה"ג, מנחות פ"ט תוספות „ושיערן רבנן“) פאר די קורצע נעכט דיקע קנויטן און פאר די לאנגע נעכט דינע קנויטן.

מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען, אז ווען די כהנים האבן נאכן פארטרייבן די יוונים פון בית המקדש נאר געפינען איין קריגעל ריינעם אייל גענוג צו ברענען אין דער מנורה איין נאכט, און וויסענדיק אז עס וועט דויערן עטלעכע טעג ביז זיי וועלן באקומען פרישן אייל, האבן זיי פארטיילט דעם אייל אין אכט חלקים און אריינגעשטעקט אין די רערלעך דינע קנויטן כדי יעדער חלק זאל ברענען א גאנצע נאכט. פארשטייט זיך, אזוי ווי די מאניפולאציע מיט די קנויטן פאר דער מנורה איז אין בית המקדש געווען א טאג טעגלעכע ארבעט, האט מען די געשעעניש מיטן קריגעל אייל ניט אריינגענומען אין די געשיכטעס פון יענער צייט, און אויך ניט אין „הנרות הללו“ אדער אין דער לויב תפלה „בימי מתתיהו“. דאס פאלק, אבער, האט ניט געוווסט וועגן די טעגלעכע מאניפולאציעס מיט די קנויטן, און הערנדיק אז מיטן אייל פון דעם איינעם קריגעל, וואס די כהנים האבן געפינען, האט די מנורה געברענט עטלעכע טעג, איז דאס פאלק געקומען צום אויספיר. אז עס האט פאסירט א נס און ווען די חכמים האבן באפוילן אנצוצינדן יעדעס יאר חנוכה לעכטלעך אכט טעג, האט דאס פאלק געגלויבט ווייל עס איז געשען א נס מיטן אייל פון געפונענעם קריגעל, עס איז אין קריגעל געווען אייל צו ברענען אין דער מנורה איין טאג און האט געברענט אכט טעג. משמעותדיק דערפאר, וואס דער נס איז א פאלקס פאנטאזיע, האט אים רבי ניט אריינגענומען אין משניות, און די סיבה, צוליב וועלכער די חכמים האבן די מעשה פאראייביקט אין א ברייתא, איז פשוט געווען א גזרה פון די רוימער, אין דער צייט פון רוימישן קייזער טריאנוס און אנדריאנוס האט מען די יידן דערלויבט צו פייערן רעליגיעזע ימים טובים, ניט קיין נאציאנאלע ימים טובים, האבן די חכמים געטראכט צו געבן יעדן יום טוב אן אויסשליסלעך רעליגיעזן יסוד, ווי עס ווערט איבערגעגעבן וועגן תקיעת שופר.

שופר בלאזן, ווי מען ווייסט, איז די מצוה פון טאג אין ראש השנה, ווייל די באפרייאונג פון דער מצרישער צוואנג־ארבעט איז אין דעם טאג פראקלאמירט געווארן מיט געשאל פון שופרות. ווי דער תהלים פאעט האט פאר־

צייכענט — „תקעו בחדש שופר בכסה ליום חגנו . . . הסירותי מסבל שכמו כפיו מדוד תעבורנה": בלאזט שופר אין ראש חדש ווען עס פאלן־אויס די סוכות טעג . . . צו דערמאנען אז איך האב דעמאלט פארווייטערט דער יאך פון זייערע פלייצעס פון זייערע הענטפלאך די ציגעלפארעמס אוועקגענומען. (תהלים פ"א, ראש השנה י"א און מהרש"א) האט מען צוליב „זריזין מקדימין למצוות" געפלעגט בלאזן שופר אין דער פרי פאר תפלת שחרית. די פעלקער, וואס זענען געקומען אין בארירונג מיטן יידישן פאלק, האבן געוווסט אז שופר בלאזן איז ביי די יידן א סימבאל פון קאמף און באפרייאונג, מיט שאלן פון שופר רופט מען דאס פאלק צו מלחמה אדער אויפשטאנד. האט איינמאל, בעת דער רוימישער באזעצונג פון ארץ ישראל, דער קאמאנדיר פון גארניזאן אין א שטעדטל געהערט די יידן בלאזן שופר און געמיינט דאס איז א סיגנאל אויפצושטיין, האט ער ארומגערינגעלט מיט זיינע סאלדאטן די שול און אומגעבראכט די עדה יידן. האבן די חכמים, זינט דעמאלט, איינגעפירט מען זאל אין די שולן צוערשט דאווענען שחרית, ליינען די תורה און דער נאך שופר בלאזן, כדי די שונאים זאל זען אז תקיעת שופר איז א טייל פון דער יידישער רעליגיעזער טראדיציע, ניט א רוף צו קאמף. (ירושלמי ראש השנה פ"ד ה"ה, בבלי ראש השנה ל"ב) אן ענלעכע געשיכטע האט פאסירט מיט די חנוכה לעכטלעך. דער רוימישער קייסער טריאנוס האט געפירט מלחמה קעגן די פערסיער, זייענדיק מיט זיין ארמיי אויפן פראנט, איז דערווייל אין דער היים זיין טאכטער געשטארבן ווען די יידן האבן אילומינירט זייערע הייזער מיט חנוכה לעכטלעך. האט זיין ווייב געשיקט א שליח צו זאגן אים, אז ער זאל אויפהערן שלאגן זיך אין פרעמדע ווייטע לענדער און א היים קומען, ווייל די יידן גרייטן פאר אן אויפשטאנד אין זיין אייגענעם לאנד. טריאנוס איז גלייך צוריק געקומען און האט אויסגעמארדעט א גרויסע צאל יידן פון זיין לאנד. (ירושלמי סוכה פ"ה ה"א, בבלי שבת מ"ה) מען אין דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען, אז נאך דער געשעעניש האבן די חכמים אריינגענומען די פאלקס אגדה אין א ברייתא, כדי זיי זאלן באוויזן די שונאים אז די חנוכה לעכטלעך זענען ניט אן אילומינאציע צום אנדענקן פון א נאציאנאלן נצחון, נאר זיי ווערן אנגעצינדן צו דערמאנען א רעליגיעזן נס, צו דאנקן דעם אלמעכטיקן וואס א קריגעל אייל צו ברענען אין דער מנורה איין נאכט האט געברענט אכט נעכט.

איצט לויט די דערקלערונג, אז די מעשה אין דער גמרא, וועגן נס מיטן קריגל אייל, האבן די חכמים בלויז באנוצט אלץ א תירוץ פאר די גוים, ווי רבי יצחק זאגט וועגן תקיעת שופר — „כדי לערבב השטן": צו פארטומלען די שונאים, (ראש השנה י"ד) זיי זאלן מיינען אז די חנוכה ליכטלעך זענען א רעליגיעזע צערמאניע, ניט אן אנדענקן פון א נאציאנאלן נצחון, פאלן אוועק די סתירות און קשיות. אזוי ווי די מעשה, וועגן נס מיטן קריגעל אייל, איז ניט געווארן אריינגענומען אין דער גמרא צו לערנען די יידן די דינים פון חנוכה אדער צו איבערגעבן די געשיכטע וועגן נס פון חנוכה נאר אפצושרייען



גזרות, פארשטייט מען פארוואס זיי זענען ניט ענלעך צו די דינים פון דער מנורה, און פארוואס דער נס מיטן קריגעל אייל ווערט ניט דערמאנט אין די תפלות לכבוד חנוכה. צום סוף דארף מען נאך באמערקן, אז די יידישע חכמים האבן ניט געוואלט דאס פאלק זאל גלייבן אין אומנאטירלעכע נסים. אויב זיי האבן ניט געקאנט אנווייזן אז די געשעעניש, וואס האט געפירט צו א נס, איז געווען א נאטירלעכע, האבן זיי געזאגט די געשעעניש געהער צו די „דברים נבראו בערב שבת בין השמשות": זאכן וואס זענען געווארן אריינגעגעבן אין דער נאטור ביים סוף פון דער וועלט באשאפונג. (פרקי אבות פ"ה) כדי זיי זאלן זיין נאטירלעך דעריבער אויב עס איז מעגלעך אנצווייזן אז א נס האט פאסירט דורך א נאטירלעכע געשעעניש, ווי מיר האבן אנגעוויזן וועגן נס פון חנוכה, דארף מען עס טוען . . .

בן-צבי בערנשטיין

## מ א ד ר א ט

געווען אמאל אין פרעמישלאן א שפאניע־מאכער, וואס פלעגט מאכן עטרות צו טליתים, אויף די עלטערע יארן איז ער, געבערך געווארן עובר בטל און פלעגט תמיד זיצן הינטערן אויוון אין בית־המדרש.

א געוויסער עושר און א גרויסער לץ פלעגט דעם זקן דעם שפאניע־מאכער נישט לאזן צורו, נאר רודפן. ער האט אים אויך א צונאמען געגעבן — „מאד־ראט", ווי ס'הייסט די הויפטשטאט פון שפאניע.

דרייט זיך אבער דאס רעדל און דער עושר דער לץ ווערט אליין א יורד. פשוט, די קינדער זיינע האבן ביי אים אוועקגענומען דאס פארמעגן, אזוי, אז אויך ער איז געווארן אן אפטער גאסט אין בית־המדרש.

אסך מענטשן פלעגן אים דערמאנען די צרות, וואס ער האט אנגעטון דעם אלטן שפאניע־מאכער און וואס דערפאר האט ער עס איצט אפצוקומען . . . אז ער האט אזעלכעס דערהערט, פלעגט ער אויפשפרינגען פאר כעס און אנהויבן שלאגן יעדן איינעם, וועלכער ס'האט נאר פרובירט א לאך טון.

ווי דער שטייגער איז, האבן יינגע חברה דאס באמערקט און אים אנגעהויבן רופן מיטן באקאנטן נאמען „מאדראט". ער האט ליב געהאט זיך צו טשעפען צו יעדן איינעם, קוקן הינטערוויילעכטס, ווי א נערוועז פערד און ווארפן בייזע בליקן צו דער חברה יינגווארג. יעדער איינער איז ביי אים געווען אונטער א פארדאכט . . .

— אירווילט אייך שוין ווידער טשעפען? — פלעגט ער פרעגן כמעט יעדן איינעם.

זיין שוואכקייט איז געווען מיט א סווישטש, און קען מען דען דאס אויסמיידן א סווישטש אין שמועסן אדער אפילו אין דאווענען. אז אויף יעדן צוווייטן צי דריטן ווארט פאלט אויס א „שין" אדער א „סמך"; און אז מ'וויל, איז דאך א „תיו" אויך מעגלעך ארויסצורעדן מיט א סווישטש! פלעגן מיר, קינדער, טאקע זיך אמוזירן מיט „מאדראטן" אין אזעלכע היימלעכע פארנאכטן.

דאס בעסטע מיטל אריינצוברענגען „מאדראטן” אין כעס פלעגט זיין א פייף אדער א סווישטש, וואס האט געזאלט באטייטן, אז ער איז א בהמה, און צו א בהמה טאקע פייפט מען . . .

אחוץ דעם האבן נישט געפעלט נאך אנדערע מיטלען, ווי רופן אים „בולאן”. דער דאזיקער נאמען „בולאן” האט געהאט א טרויעריקן הינטערגרונט.

אין זיינע יונגע און גוטע יארן פלעגט ער די וואָליע בעלי־בתים רופן „בולאן”, און דערפאר טאקע אויף זיין זקנה, ווען ער איז געווארן עובר־בטל, האט מען אים גערופן מיט דעם נאמען. נאך א צונאמען האט ער געהאט — „יהודיתל”. אזוי האט געהייסן זיין ווייב, מיט וועמען ער האט שלעכט געלעבט. נאר ס'איז שוין געווען א סכנה אים צו רופן מיט דעם נאמען . . .

כ'געדענק ווי אמאל האבן זיך אלע בית־המדרש בחורים אויפגעהויבן פון טיש און ארויגעלאפן אין גאס אריין, דערהערנדיק „מאדראטס” געשריי. עטלעכע עלטערע בחורים האבן אים אריינגעפירט אין בית־המדרש אריין און פרובירט אים איינשטילן. לכתחילה האט מען אים געגעבן ציגארעטן, דערנאך האט מען איינגעטענהט מיט אים, אז ער זאל זיך מער נישט אויפרעגן ווען מרופט אים מיט אזעלכע נעמען.

— מער נישט, — האט ער געזאגט, — מער וועט מיך נישט ארן . . .

— אז מ'וועט דיך רופן „משוגענער” ?

— ס'ארט מיך נישט !

— „משוגענער־מאדראט ?”

— ס'ארט מיך נישט !

— און אז מ'וועט דיך רופן „מששוגענער, מאאדראט, בולאאן, יהודיתל” ?

דא האט ביי מאדראטן געפלאצט דאס געדולד . . . ער איז צוגעלאפן צום אויוון, געכאפט א שטיק האלץ און מיט הימל־שרייענדיקע קולות צוגעלאפן פון טיש צו טיש, געהאקט און געשלאגן וועמען ער האט נאר געפאקט, שפרינגענדיק אויף בענק און טישן.

און אין בית־המדרש איז ווידער געווארן לעבעדיק !

---


## יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראַן סעטלמענט א.1. — 3 אזייגער**

שבת, דעם 24'סטן פעברואר — מאריס מינדל : אידיאַליזם און מאַטעריאַליזם.

שבת, דעם 3'טן מערץ — י. ביעטש איבער מאָריס ראָזענפעלדס פראָזע.

שבת, דעם 10טן — פון די לאָנדאָנער הומאָריסטן — ליינען : אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין, מנשה וויסגראַז, זשעני האַט און ח. נ. בענקוויטש.

שבת, דעם 17'טן — געזאַנג : מאיר באָגדאַנסקי, פרוי נאַדלער, פרוי לעף און רבקה היישעריק. „עד דלא ידע”־רעפּאָרטאַזש : דוד בערמאַן.

שבת, דעם 24'סטן — אליהו פאַלושאַק : יידן און דער דייטשער ליטעראַטור.

שבת, דעם 31'טן — משה דאָמב יידן אין דער פוילישער ליטעראַטור.


TOWER HAMLETS LIBRARIES

## י. י. טרונק ע.ה.

דער לעצטער שפּראָץ פון פוילישן רייכן יחוס, אין הויכן שטריימל פון תורה־וגדולה מיט דער סמיכה פון י. ל. פרץ אויפן שפּיץ פון העכסטן רום, על ראש־הפיסגה. איין פוס שטייט שוין אויפן אָלימפּ, דער צווייטער קלעטערט נאָך אַלץ, רגל־אחתדיק, אויפן גלאַטן סיני־פעלדז. דער ווענוס־וואולקאַן האַלט נאָך אַלץ פאַרן אויפברעכן און דער סנה קוים נאָך וואָס ער טליעט.

איבער דריי דעקאַדענץ־דעקאַדעס שטייט ער אזוי, ווי דער ריטער פון אייזערנעם געדולד, געפּאַנצערט אין ענציקלאָפּעדיש וויסן, געגאַרטלט אין פאָלקלאָר פון דורות, פאַרן אייזערנעם טויער. אין אים גראַנגל פרויד און מאַרקס ! פאַר זיינע אויגן די אייביק אויסגייענדיקע באַלוטער אָרעמקייט.

וואָס קאָן נוצן דער טיפסטער פּערספּעקטיוו, דער וווּנדערלעכסטער הינטערגרונד, אויפגעלויכטן מיט אַלע דימענזיעס, אז דאָס בילד וואָס שטייט פאַר די אויגן קוקט מען אַריבער, — עס שטייט אזוי נאָז צו נאָז, אַז מ'זעט עס אזש נישט ! — א שווינדלערישע אין־סיפיקע ליידיקייט אַרום, א ממשותלאָזע, אַ כימערישער באַלעט טאַנצט איבער אָפענע תהומען. העכסטנס, א מיסטישע אַבסטראַקציע פון עקזאַקטע טעאָריעס און דאָקטרינען.

און דאָ, אויף איינמאָל, געשעט דאָס מוראדיקסטע, דאָס טראַגישסטע, — אַ שדים־פאַנטאַזיע קאָן זיך עס קוים פאָרשטעלן ! — אזוי אַז פון אַלע קאָסמישע־אָנשויאונגען און סאָציאַלע אויסזיכטן ווערט איין קאָמישער פאַרס — א סאַלטאָ־מאָרטאַלא פון די העכסטע הייכן אין שאול־תחתית פון צונגען־פלאַמענדיקע גיהנום־פייערן ; פונם טייוול־געלעכטער עפנט זיך דאָס שטן־טויער פון תהום־שבתהום — — —

און אין דעם קאַטאַקליזם פון אַלע איזמען, אין דעם ערד־ציטערניש צוזאַמבּרוך, אין דעם בראָכוואַרג פון קאָרינטישע־זיילן און גאָטישע־קאָרניזן, באַראָק־און ראָקאָקאָ־טורעמלעך פאַלן איין אונזערע לעצטע יכין־ובועז־זיילן, ברעכן־צוזאַם אין די שייטער־פלאַמען, אין די גאַז־דערשטיקנדיקע קרעמאַטאָריע רויכן, און פון די חזיונות פון אונזערע עצמות־היבשות א באַרג אש, וואָס דערגרייכט ביזן זיבטן הימל, צום שבעה־בענקעלע פון גאָט־כביכול . . .

און אַז מ'בלייבט שטיין אויף אים, אויף דעם בערג אש, נישט ווייטער צו קענען — אָבער מיט ביידע פיס, און מיט אַ שטויבעלע נאָך אין נאָז, ווי פּרצעס כעלעמער מלמד ! — פנים אל פנים מיט דער צוויי־פנימדיגער רעאַליטעט, אָן יעדן פּערספּעקטיוו שוין, בלויז באַלויכטן אין דער פינסטערניש פון די ווילד־פלאַקערדיקע, צוקנדיקע פלאַמען, ווערט אלץ אזוי גראָטעסק דעמלט, אזוי גוזמאדיק גרויס, אזוי שאָטנדיק צעצויגן אזוי געוואַלטיק אויפגעקוואָלן.

סאַרקאַסטיש־סאַדיסטיש, מיט אַלע תאוה־פאָטענצן און מיט דער מענטשלעכער הנאה פון ליבשאַפט און אהבה, וויל מען יעדעס אויפגעשוואָלענע קנייטשל, ס'מינדעסטע געשווילעכץ־פעלטל פון יענעם פנים באַטאַפּן און באַגלעטן, אויסקושן יעדעס ווורצל־הערעלע — מ'קומט צו צו דער שעפערישע ליבשאַפט פון „ותקם ליום אחרון” — מ'הייבט אָן נישט נאָר בלויז צו פאַרשטיין דעם סוד פון הומאָר, מ'ווערט מעוברתדיק מיט אים.

און אזוי, אַן אַנטרונענער, אין זיין פליט־איינזאַמקייט, אין די לעצטע

20 יאָר פון זיין אַמעריקאַנישן לעבן, מיט זיינע צוויי צענדליק פריש אָנגעשריבענע ביכער, וואָקסט טרונק אויס צום אָנגעזעענעם, פיל געדרוקט און פיל געליינטן יידישן שרייבער —

פרויד׳ס קרענקלעכע־אַנאַליזע, מאַרק׳ס קלאסן־דאָקטרין גייען אחדותדיק־שבת־יום־טובדיק, מאָנטיקדיק־האָראָפּאַשנעדיק אין אַ שפּינאָזיסטיש־עטישן דריי־עק־דימענזיע — אין איין „שמע ישראל״־ריקוד! דרות האָבן זיך אינטואיטיוו צוגעגרייט און געמיט צו דער ראַפּיד־שנעלער אַרבעט־אינטענזיטעט.

פּרצעס גרויסע יידן... נשמות־פלאַקערדיקע... אויף חרבות גייענדיקע״, פּרצעס נשמה־יתירהדיקע יידן, אין שנויצן־צויטן פלאַמען־צעפּלאָשענע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, אין סאַמעטן־צעכוואַליעטע כאַלאַטן געווינדשאָוולטע אין אייביקן כף הקלע, באַווייזן זיך ווידער אופן עולם השפל, עס שטייגן זייערע שאָטנס מאחורי־הפרגוד איבער די געטאָ־מויערן גוזמאדיק גראָטעסק, קאַראַקאַטוריסטיש שוואַרץ־ווייס, מיט ברייטן רעפּאָרטאַזש־פּינזל, מיט אַ שלום אש־ראָזמאַך, שנעל געמאָלן און אין שווערע גאָלדענע רעמען איינגערעמט. מיט רעאַליטעט באַשיינט און פאַרקאָפּטשעט מיט יאָרצייט־ליכטל פון זכרונות־פּיעטעט, אין ליכט פון שייטער־הויפנס און קרעמאַטאָריע־פלאַמען, לעבן זיי תחית־המיתימדיק אויף פאָלקסטימלעך־האָראָפּאַשנע אין זייער לייב־האַפּטיקן געזע־גייסט — יאָ, זיי באַקומען אפילו יחוס עצמו!

נישט בחנם האָט י. י. טרונק, דער ערודיט, דער למדן און אינטעלעקטואַל, דער בונדישער מיט־און פאָרלויפער, דער עמוס־סאָציאַליסט און אליה־בחור־יידישיסט, דער דאָרפיש־פאַרפוילישטער, דער „יאַך־בין־א וואַרשעווער״־פּ״רהיימישטער, דאָס לאָדשער וווּנדער־קינדיש־באַוווּנדערטער, אויף אזא פּשוטן יעקיש־קאָלומבוסן־אופן און אזוי פּרימיטיוו ליב באַקומען אַמעריקע —

זיך פערפלאַנצנדיק אויף דעם פרישן באָדן, אַן ארויסגעריסענער ביז צום שורש, אַ פאַרוואָרפענע אין אַלדע־וויסטע־העק, צווישן ווילד־פרעמדע און סוף כל סוף געפאַלן „צווישן אייגענע״. ווי גאָט זיין תפילה אָנגענומען, האָט די נייע ערד — זיינע וואָרצלען: זיין „שטאַם־בוים״ האָט זיך אזוי וווּנדערלעך צעבליט און זיינע ריחות געגעבן, אזוי בורא מיני בשמימדיק און אזוי וויר־ציק־דאָרפיש און אזוי היימיש־אייגן; נישט בלויז האָבן זיך זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס זיך געמיט אז זיין נאָמען זאָל זיין איינגעשניצט אין עץ־החיים, נאָר עס איז אים אויך געלונגען דאס זיידן־וווּרעמל אויסצוכאָוועז צו שפּינען יענעם דרים, אויף שיפלעך געוואָרפן איבער באַלוטער וועב־שטולן רויט און בלוי חלזונדיק ביז צו ר׳ יהושיעלע קוטנער, ר׳ יצחקל וואָריקער, ר׳ ישעיהלע פּראַגער, ביז — —

פון דעם דעקאַדענט, דעם אינטעלעקטואַל פון דעם רייכן וווּנדער־קינד שנשבע בין האַפּאָלעטאַריאַט, פון דעם מעצענאַט־אַמאַטאָר, דעם פּראַגמענטאַרישן שאַפער פון ראמאַנטיש־מאגערע נאַטור־סקיצן, דעם באַגרינדער פון הערש דוד נאָמבבערס פּויליש־אַסקעטישן רעאַליזם, דעם טעאָרעטיקער פון שלום־עליכמס טיפן־גאַלעריע, אז ס׳איז אים אַליין נאָך געלונגען פאָלקטימלעך־גראָטעסק אויפצולעבן א מזרח־וואַנט מיט פּוילישע יידן און דערמיט צו ווערן — נאָך אונזער געוואַלטיקער קאַטאַסטראָפע! — איינער פון אונזערע גרויסע יידישע שרייבער.

*ש.*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 3־4 (העפט 6־365) דריי און צוואַנציקסטער יאָר מערץ־אַפּ. 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

חרות און גאולה, 1962 סדר אין מאָסקווע, 19׳טער אַפּריל סאָנעט, דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, זאָגנדיק די הגדה אין „קיבוץ לוחמי הגיטו״, „ובכן ויהי בחצי הלילה״ ..... °° 1
די הגדה של פּסח (עסיי) ..... יעקב ריכטיגער 7
היטלער (ליד) ..... יוסף לעפּטוויטש 10
פרילינג אין וואַלד (ליד) ..... שמואל וּוהייט 11
דאָס פאַסטוך בערגעלע אין גלול (דערציילונג) ..... דוד בערמאַן 11
מיין היים (ליד) ..... מערי קויהען 13
פּסח (ליד) ..... הענרי גרינבאַום 14
אויף חרובע וועגן (צווייטער טייל) ..... משה דאָמב 14
אַ בריוו (ליד) ..... עלע זילבערג 19
וויאָלין אין גאָלדערס גרין (ליד) ..... דאָני אבס 19
אין סאָסנאָווער וואַלד (פּראָזע) דריי צייט־סאַטירעס ..... א. נ. שטענצל 20
אַ סדר־נאָכט אין דער היים (סקיצע) ..... בן־צבי בערנשטיין 37
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

## וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד

די הזכרה איז איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש־לשון, דער יידישער אינסטיטוט — דער „רידינג רום״ און פון בונד אין לאָנדאָן, און קומט פאָר,
זונטיק, דעם 29׳סטן אַפּריל 2.30 אין אַדלער־האָל, אַדלער סטר. א.1.
הזכרה: לעאָן בלומענזאָן. רעדנער: פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער ערליך
רעציטירן און זינגען קאַצעט־לידער נעט רובין און מאיר באָגדאַנסקי
אין בן־אורי, בערנער סטר. 14 וועסט־ענד, 8 אַזייגער
ליינען פון חורבן־ליטעראַטור. רעדנער: שאָשקע ערליך

אלע רעדאַקציע־נאָטיצן און קולטור ידיעות קומענדיקן חודש. **י. ביעטש**, וועט ל״ג בעומר אַ בן־שמונים מיר גרייטן צו א פייערונג פאַר בעל יובל, דער קומענדיקער נומער „לשון און לעבן״ וועט אויך אַרויסקומען אַ פאַרגרעסטער.

פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,*
129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*